STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04966

# VOS ZOGT AYKH DI IDISHE PRESE?

Chaim Suller

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# וואָס זאָגט איך די אידישע פרעסע?

פון חיים סולער

●

פרייז: 20 סענט

# וואָס זאָגט אייך די אידישע פרעסע?

## פון חיים סולער

ארויסגעגעבן פון דער „מאָרגן פרייהייט"

מיט דער פינאַנציעלער הילף פון לואיס סטילמאַן

מערץ, 1966

---

# VOS ZOGT EICH DI YIDISHE PRESE?

## by Chaim Suller

●

Published by the

MORNING FREIHEIT

35 East 12 St., New York, N.Y. 10003 — Tel.: AL 4-9480

209

# היטלער־אָפּיצער אַלס אַמבאַסאַדאָר

סיי דער „פאָרווערטס" און סיי דער „טאָג" זיינען אַרויס מיט לענגערע לייט־אַרטיקלען וועגן דעם היטלער־אָפּיצער, וואָס מערב־דייטשלאַנד האָט געשיקט אין ישראל אַלס איר ערשטן אַמבאַסאַדאָר.

דער „פאָרווערטס" דערציילט אין זיין לייט־אַרטיקל פון 21טן אויגוסט, אַז „פּרעזידענט זלמן שזר האָט אָנגענומען די קרעדענשלס פון ערשטן דייטשן אַמבאַסאַדאָר און אָנגענומען זיין האַנט־דרוק"; און אַז „אויסערן־מיניסטער גאָלדע מאיר איז געשטאַנען מיט אַ געבויגענעם קאָפּ וועגדנדיג איר בליק צום דיל, ווען דער דייטשער אַמבאַסאַדאָר האָט מיט טרערן אין די אויגן צוגעגעבן „די שוידערלעכע פאַרברעכנס פון נאַצי־רעזשים געגן אידישן פאָלק אויף וועלכע דייטשלאַנד קוקט היינט מיט גרויס טרויער און עקל"...”

ווען מיר דאָ ניט אַריין אין דעם, וואָס ביים „פאָרווערטס" איז דאָ נאָר איין דייטשלאַנד. ווי די דייטשע דעמאָקראַטישע רעפּובליק (מזרח־דייטשלאַנד) וואָלט ניט געווען אויף דער וועלט. דאָס איז שוין אַ קלייניגקייט. קוקט זיך נאָר, אָבער, צו צו דעם שטימונגספולן בילד — די טרערן פון דעם נאַצי, וואָס האָט געקראָגן אַ מעדאַל פאַר זיין „אַרבעט" אויף ביידע פראָנטן, סיי אויפן מערב'דיגן און סיי אויף דעם מזרח'דיגן, בשעת דער מלחמה. די אויגן פון דער אויסער־מיניסטאָרין, וואָס זיינען אַראָפּגעלאָזט צום דיל און דער האַנט־דרוק פון פּרעזידענט שזר... דאָס האָרץ צעגייט ממש פון דער רירנדיגער סצענע.

און ווי געפעלט אייך עפּעס די היינטיגע דייטשלאַנד (מערב־דייטשלאַנד), וואָס „קוקט היינט מיט גרויס טרויער און עקעל" אויף די פאַרברעכנס, וואָס זיינען באַגאַנגען געוואָרן געגן דעם אידישן פאָלק? זאָלן מיר זאָגן, אַז דערפאַר שמירט מען מיט סוואַסטיקאָס אידישע אינסטיטוציעס אין מערב־דייטשלאַנד און דערפאַר געפינען זיך טויזנטער נאַציס אויף דער פריי און אויף הויכע פּאָזיציעס אין דעם היינטיגן (מערב) דייטשלאַנד?

אפשר דריקט זיך אויס דער גרויסער „טרויער" פון דער היינטיגער (מערב) דייטשלאַנד אין דעם וואָס מען לאָזט אַרויס אידן־מערדער אויף דער פריי, אָדער זיי קומען אָפּ מיט לעכערלעכע שטראָפן פאַר אומברענגען מי־ליאָנען אידן?

דער „פאָרווערטס" ציטירט פּרעזידענט שזר'ס רייד ביים אָננעמען די קרעדענשלס פון דעם נאַצישן אַמבאַסאַדאָר:

„אַז דאָס אידישע פאָלק וועט קיינמאָל ניט פאַרגעסן די קאָנצענטראַציע־לאַגערן און די ברענענדע אויוונס וואָס די נאַציס האָבן ערפונדן אומצוברענגען אידן...״

זיינען מיר איינשטימיג מיטן ישראל־פּרעזידענט און מיטן „פאָרווערטס״, אַז דאָס אידישע פאָלק וועט „קיינמאָל ניט פאַרגעסן״. די צרה איז נאָר, וואָס די ישראל־רעגירונג און דער „פאָרווערטס״ האָבן שוין פאַרגעסן. ווען די וואָלטן ניט פאַרגעסן, וואָלט מען דאָך קיינמאָל ניט גוטגעהייסן און ניט אָנגענומען אַ נאַצי אַלס אַמבאַסאַדאָר אין מדינת ישראל.

דער „פאָרווערטס״ האַלט, אַז ישראל האָט געדאַרפט זיך אויסטוישן מיט אַמבאַסאַדאָרן מיט מערב־דייטשלאַנד, ווייל

„זי (ישראל — ח. ס.) קאָן ניט בלייבן בלינד פאַר דער צוקונפט. זי מוז גיין פאָראויס, און אירע לעבנס־אינטערעסן פאָדערן שלום צו מאַכן מיט דער היינטיקער דייטשלאַנד, וואָס אָנערקענט איר שולד פון נעכטן״.

פרעגט די וועלט די אַלטע קשיה ביים „פאָרווערטס״: ווען האָט מערב־דייטשלאַנד אָנערקענט איר שולד צו די אידן? די גאַנצע וועלט וויים, אַז מערב־דייטשלאַנד האָט באַשלאָסן צו אָנערקענען ישראל בלויז דערפאַר, וואָס נאַסער האָט איינגעלאַדן אולבריכטן, דעם פאָרזיצער פון נאַציאָנאַלן־ראַט פון דער דייטשער דעמאָקראַטישער רעפּובליק (מזרח־דייטשלאַנד) אַלס גאַסט פון עגיפּטן און ניט דערפאַר, וואָס די היינטיקע דייטשלאַנד (מערב־דייטשלאַנד) האָט חרטה אויף דעם, וואָס איז געטאָן געוואָרן צום אידישן פאָלק.

זאָל עס הייסן, אַז מערב־דייטשלאַנד האָט באַשטימט דווקא אַ מעדאַלירטן היטלער אָפיצער אַלס אַמבאַסאַדאָר קיין ישראל און ניט אַ ליבעראַלן מענטש, ווייל דער געוויסן פּלאָגט דער באָן רעגירונג פאַר די אומגעבראַכטע 6 מיליאָן אידן? אָפּנים, אַז צוליב דער זעלביגער אורזאַך האָט די באָן־רעגירונג אויך געשיקט אַלס ראַטגעבער פון דער דייטשער אַמבאַסאַדע אין ישראל — אַלעקסאַנדער טערעק, אַ צווייטן נאַצי, וואָס האָט געהאָלפן אומברענגען די אידן אין אונגאַרן... די באָנער הערשער האָבן, ווייזט אויס, געוואָלט מאַכן טאָפּלט זיכער, אַז דאָס אידישע פאָלק זאָל וויסן, ווי שטאַרק זיי האָבן „חרטה״ אויף זייערע פאַרגאַנגענע פאַרברעכנס...

אין דעם גאַנצן לייט־אַרטיקל (עדיטאָריעל) פון „פאָרווערטס״ איז ניטאָ קיין איין וואָרט וועגן דעם, אַז די באָנער דיפּלאָמאַטן זיינען נאַצישע פאַרברעכער.

## „אַנטי־דייטשע ראַיאָטן אין ירושלים״

דאָס אויבן־ציטירטע איז דער קאָפּ איבער אַ לייט־אַרטיקל אין „טאָג״ דעם 22טן אויגוסט. איז איידער מיר גייען ווייטער און דערציילן, וואָס עס

שרייבט זיך אין דעם לייט־אַרטיקל, קוקט זיך גוט צו צום „קאַפּ“. אין ירושלים זיינען ניט פאָרגעקומען קיין דעמאָנסטראַציעס, אויף וועלכע די ישראל־פּאָליציי האָט געשלאָגן אידישע דעמאָנסטראַנטן, נאָר עס זיינען פאָרגעקומען „ראַיאָטן“. צווייטנס, זיינען די דעמאָנסטראַציעס ניט דורכגעפירט געוואָרן געגן אָננעמען אַ מערב־דייטשן אַמבאַסאַדאָר בכלל און געגן אַ נאַצישן אַמבאַסאַדאָר בפרט, נאָר געגן דייטשן, הייסט עס. „אַנטי־דייטשע ראַיאָטן“...

דער „טאָג“ זאָגט אין דעם לייט־אַרטיקל אַז:

„עס איז שווער זיך פאָרצושטעלן, אַז די אידישע שארית הפליטה, וואָס האָט זיך איבערגעפלאַנצט קיין מדינת ישראל, זאָל שוין זיין גרייט אויפצונעמען גלייכגילטיג און אין שטילשווייגן אַן אַמבאַסאַדאָר פון מערב־דייטשלאַנד און אַז די אידישע מדינה און מערב־דייטשלאַנד זאָלן אָנקניפּן צווישן זיך דיפּלאָמאַטישע באַציאונגען דורך אַן אויסטויש פון אַמבאַסאַדאָרן“.

הייסט דאָס, פון די אומגליקלעכע רעשטלעך פון די גאַז־קאַמערן קאָן מען ניט דערוואַרטן, אַז זיי זאָלן אַזוי גיך פאַרגעסן וואָס מיט זיי איז פאָרגעקומען. אָבער... זאָרגט זיך ניט, סוף כל סוף, וועלן זיי אויך פאַרגעסן... דער „טאָג“ האַלט, אַז זיי וועלן מוזן פאַרגעסן, וואָס עס איז פאָרגעקומען אין אַשוויענטשים, ווייל —

„פון דער אַנדער זייט, וואָלט עס אויך ניט געווען אין הסכם מיט מדינת ישראל׳ס פּאָליטישן בליק, אַז זי, די אידישע מדינה, זאָל זיך האָבן קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט פון אָנקניפּן מיט מערב־דייטשלאַנד דיפּלאָמאַטישע באַציאונגען“.

אַז דער „פּאָליטישער בליק“ פון דער אשכול־רעגירונג איז, אַז מען דאַרף איינשטעלן דיפּלאָמאַטישע באַציאונגען מיט דער באָן־רעגירונג, ווייסן מיר שוין. דער פאַקט, איז דאָך אַז די ישראל־רעגירונג האָט דאָס געטאָן. דער „טאָג“ דערקלערט אָבער ניט פאַרוואָס מען דאַרף האָבן אַזאַ „פּאָליטישן בליק“. אפשר וואָלט דער „טאָג“ דערקלערט פאַרוואָס דאָס דאַרף אַזוי זיין? און דערצו — פאַרוואָס עס מוז זיין דווקא אַ היטלער־אָפיצער אַלס ערשטער אַמבאַסאַדאָר פון באָן קיין־ישראל?

## דער אורטייל אין פראַנקפורט

אין דעם לייט־אַרטיקל פון „פאָרווערטס“ פון 21טן אויגוסט, וואָס מיר האָבן אויבן ציטירט, רעדט זיך אויך וועגן דעם אורטייל אין פראַנקפורט איבער די נאַצישע הענקער פון אַשוויענטשים. עפּעס זיינען זייער „מאָדנע“ אַזעלכע רייד אין אַ אידישער צייטונג:

„דער פּראָצעס אין פראַנקפורט האָט ניט אויפגעשטורעמט דייטש־לאַנד. כמעט אַ העלפט פון דייטשן פאָלק האָט ניט געוואוסט דערפון. די צווייטע העלפט, וואָס האָט יאָ נאָכגעפאָלגט דעם משפט, האָט עס געטאָן מיט ווידערווילן. ווייל דער דייטש וויל פאַרגעסן, וויל ניט געדענקען, וויל ניט וויסן".

אַלץ, וואָס עס איז דאָ ציטירט געוואָרן, איז אמת. עס איז נאָר ניט אמת, אַז אַלע דייטשן אינטערעסירן זיך ניט און ווילן ניט וויסן. אין דער דייטשער דעמאָקראַטישער רעפובליק (מזרח דייטשלאַנד) וויל מען יאָ וויסן און די רעגירונג טוט אַלץ צו לאָזן וויסן דער באַפעלקערונג, וועגן די פאַר־ברעכנס פון די נאַציס. אויך אין דער דייטשער פעדעראַלער רעפובליק (מערב־דייטשלאַנד) איז דאָ אַן אַנטי־נאַצישע באַוועגונג, וואָס וועקט און רופט דעם דייטשן פאָלק צום קאַמף געגן נעאָ־נאַציזם און ניט צו פאַרגעסן די נאַ־צישע פאַרברעכנס פון דער פאַרגאַנגענהייט.

ווייטער זאָגט אָבער דער „פאָרווערטס" אין דעם זעלביגן לייט־אַרטיקל, אַז —

„דער אורטייל אין דעם פראַנקפורטער געריכט האָט פאַרוואַנדלט דעם 19טן אויגוסט אין אַ פיינלעכן טאָג פאַר דעם דייטש. ווייל ווי נישטיג עס זאָל ניט זיין די שטראָף — האָט דער אורטייל געמאַכט דעם דייטש צו רעאַליזירן אַז ער קאָן ניט אָפּטרייסלען פון זיך די שולד".

פרעגט זיך ווידער אַ פראַגע: אויב אַ העלפט פון דעם דייטשן פאָלק האָט ניט געוואוסט פון דעם משפט און אַ צווייטע העלפט האָט נאָכגעפאָלגט דעם משפט מיט ווידערווילן, ווי דער „פאָרווערטס" שרייבט, טאָ ווי אַזוי איז דאָס געווען אַ „פיינלעכער טאָג פאַרן דייטש" און ווי אַזוי וועט דער „דייטש רעאַליזירן אַז ער קאָן ניט אָפּטרייסלען פון זיך די שולד"?

צום סוף זאָגט דאָרטן דער „פאָרווערטס", אַז

„עס וואָלט געווען אַ סך אַ טרויעריקערער טאָג, ווען דער דייטשער געריכט וואָלט ניט־אַרויפגעלייגט די שולד פאַר די באַגאַנגענע פאַרברעכנס אויף די אַקסלען פון יעדן דייטשן מערדער — ווער און וואו ער זאָל ניט זיין".

איז ווי אַזוי האָט דער דייטשער געריכט יאָ אַרויפגעלייגט די „שולד פאַר די פאַרגאַנגענע פאַרברעכנס אויף די אַקסלען פון יעדן דייטשן „מערדער", ווען דער „פאָרווערטס" אַליין שרייבט, אַז די שטראָף איז געווען אַ „נישטיגע"?

דער „פאָרווערטס" רעדט, ווי עס זאָגט דאָס אַמעריקאַנער ווערטל „פון ביידע זייטן מויל". און די סיבות זיינען דאָ גאַנץ קלאָרע: 1) פון איין זייט האָט מען נאָך מורא פאַרן לייענער, ספּעציעל פאַר די קאַצעטלער און פון דער אַנדערער זייט דינט מען געטריי דער באָן־רעגירונג און איר „אַנערקע־

נונג״ פון ישראל טראָגט מען אונטער ווי ישועות ונחמות פאַרן אידישן פאָלק, פאַר ישראל: 2) פון איין זייט גערענקט מען גוט, אַז די מאַסן ווילן ניט פאַר־געסן, וואָס די נאַציס האָבן געטאָן און גערענקען גוט וואָס היטלער׳ס אָפּיצערן האָבן געטאָן. אָבער דער „פאָרווערטס״ מוז דאָך דעם היטלער־אָפּיצער כשר׳ן, — ווייל באַן איז דאָך מיט אַזוי פיל עקשנות באַשטאַנען אַז ישראל מוז אים אַננעמען אַלס אַמבאַסאַדאָר. גאַנץ וואָגיגע סיבות פאַר דער צוויי־פּנים׳דיגקייט אין זייער אַ ברענענדיקער פראַגע פאַר די אידישע פאָלקס־מאַסן.

## פּאָגראָם אין לאָס-אַנדזשעלעס — איבער וועמען?

ביי אַ גאַנצער ריי אידישע זשורנאַליסטן האָט דאָס וואָרט „פּאָגראָם״ אָנגענומען אַ נייעם מיין. לויט אָט דעם סאָרט זשורנאַליזם באַקומט זיך, אַז די דערמאָרדעטע, פאַרוואונדעטע און אַרעסטירטע האָבן דורכגעפירט אַ פּאָג־ראָם איבער עמיצן אַנדערש.

אין „אידישער קעמפער״ פון דעם 20טן אויגוסט ווערט געזאָגט עדי־טאָריעל:

„מיר האָבן באַנוצט דאָס שוידערלעכע וואָרט פּאָגראָם — אָבער וואָס אַנדערש איז פאָרגעקומען אין לאָס־אַנדזשעלעס?״

אין דעם „פאָרווערטס״ פון דעם 28טן אויגוסט שרייבט ב. שעפנער, אַז:

„מען קאָן ניט זאָגן, אַז אַמעריקע לאָזט זיך ניט קאָסטן „פאַר׳ן מענטשן אויף דער ערד״. נאָך מער אומגערעכט וועט זיין דער, וואָס וועט פרואוון באַרעכטיגן די נעגערשע פּאָגראָמען איבער די ווייסע אין לאָס אַנדזשעלעס מיט דער קנאַפּער זאָרג פון אַמעריקע פאַר די נעגער. נאָך קיינמאָל האָט אַמעריקע אַזוי פיל ניט געטאָן פאַר די נעגערס ווי איצט״.

אין „טאָג״ פון דעם 29טן אויגוסט שרייבט אפרים אויערבאַך:

„אַוודאי איז שווער אַראָפּצושלינגען די פּאָגראָם־געשעענישן אין לאָס־אַנדזשעלעס, שיקאַגאָ און אַנדערע שטעט. עס איז שווער שלום צו מאַכן מיט׳ן געדאַנק, אַז נעגערס זאָלן מאַכן פּאָגראָמען, און טאַקע אויף אידן, וואו די גרעסטע קרבנות זיינען געווען אידן. עס איז שווער צו געפינען די מינדסטע פאַרענטפערונג פאַר׳ן צעבושעוועטן נעגערשן המון, וואָס געוויינלעך האָסטו אַ סך סימפּאַטיע צו אים. פאַר פּאָגראָ־מען, פאַר הריגות, פאַר רויב און אונטערצינד, זיינען קיין תירוצים ניטאָ. אַלע סיבות פאַלן אַוועק, אַז דער המון ווערט פאַרוואַנדלט אין ווילדע חיות״.

מיר וועלן זיך אָפּהאַלטן פון אייגענע קאָמענטאַרן אויף די פּאָגראָמישע אויסברוכן פון די ציטירטע זשורנאַליסטן און געבן דאָס וואָרט דעם רעדאַק־

טאָר פון דעם אידיש־ענגלישן זשורנאַל „מידסטרים״, שלמה כץ. אין אַ בריוול צו דעם וועכנטלעכן „אידישער קעמפּער״, אין דער אויסגאַבע פון 27טן אויגוסט, רעאַגירט כץ אויפן „קעמפּער״־עדיטאָריעל מיט אַ וואָך פריער. ער שרייבט:

„אדרבא, איז ווירקלעך פּאַרגעקומען אַ פּאָגראָם אויף ווּעמען? 33 קרבנות זיינען געפאַלן אין די געשעענישן — פון זיי 31 נעגערס און צוויי ווייסע פּאָליציאַנטן. זאָל דאָס הייסן, אַז נעגערס האָבן געמאַכט אַ פּאָגראָם אויף זיך אַליין? אויך פון די הונדערטער פּאַרוואונדעטע זיינען דאָס רוב נעגער און דאָס זעלבע בנוגע די אַרעסטירטע. טאָ ווער־זשע האָט געמאַכט אַ פּאָגראָם אויף וועמען?״

„יאָ, צעווילדעוועטער נעגערשער המון האָט אָנגעמאַכט שאָדן אין ווערט פון הונדערטער מיליאָנען דאָלאַר. מ׳האָט געצונדן הייזער און געשעפטן, אָבער בעיקר פון ווייסע אייגנטימער. דאָך שטעלן פעסט אַלע באַריכטן פון לאָס אַנדזשעלעס, אַז ס׳איז דערביי ניט געווען קיין אידישער מאָמענט. מ׳האָט געצונדן דאָס האָב און גוטס פון ווייסן אונ־טערדריקער, ניט פון אידן״.

— „נאַטירלעך קען קיינער ניט באַרעכטיגן אַזאַ בלינדן אויסברוך. אָבער ווי קען מען דאָס אָנרופן אַ פּאָגראָם?״

„דאַן פרעגט איר רעטאָריש צי זיינען „אָנערקענטע פירער״ פון נע־גערס „בכלל פּאַראַן״, וועלכע זאָלן פּרובירן באַרואיגן דעם המון. וואָס איז דאָס? אומוויסן, אָדער ביליגער סאַרקאַזם איבער אַ בלוטיגן ענין? ווייסט דען ניט דער „קעמפּער״, אַז אונטער דער אָנפירערשאַפט פון מאַר־טין לוטער קינג (און אַנדערע פירער און אָרגאַניזאַציעס) האָט דאָס נע־גער־פאָלק אין אַמעריקע געשאַפן אַ ריזיגע באַוועגונג וואָס וואַרפט־אָפּ געוואַלד, ווי אַ מעטאָדע פון קאַמף; אַז אונטער זייער פירערשאַפט האָבן פיל צענדליגער טויזנטער נעגער זיך באַטייליגט אין פּראָטעסט־אַקציעס? פּאָליצייאישע הינט האָבן זיי געביסן; פּאָליצייאישע שטעקנס האָבן זיי געשפּאָלטן די קעפּ און גע׳ממית׳ט און זיי האָבן קיין האַנט ניט אויפגע־הויבן קעגן זייערע באַצווינגער. וואו נאָך אין דער וועלט האָט מען געזען אַזאַ ביישפּיל אין אונזער צייט?״

„דער לייט־אַרטיקל שרייבט ווייטער: „מיר (אידן, הייסט עס) האָבן ניט קיין שולד־קאָמפּלעקס כלפּי די נעגער״. ווילט זיך אויסשרייען: דאָס איז אַ ליגן! מ׳מוז די טענה אָפּוואַרפן, ווייל דאָס איז דאָך די טענה פון דער קריסטלעכער וועלט כלפּי אונז, אַז נאָר היטלער איז שולדיג — אַלע איבעריגע זיינען גאָט די נשמה שולדיג. יאָ, איך ווייס די אַלטע טענה, אַז מיר זיינען דאָ ניט געווען בשעת די נעגער זיינען געוועזן פאַרשקלאַפט. אָבער איצט זיינען מיר דאָ! מיר זיינען דאָ (און דער „קעמפּער״ איז אויך דאָ) און מיר ווייסן וועגן די נעגער־קינדער וואָס זיינען אויפגעריסן

געוואָרן אין בירמינגהאם; וועגן די צענדליגער נעגער־קלויסטערס וואָס זיינען פאַרברענט געוואָרן און וועגן די באַנדעס ווייסע כוליגאַנעס וואָס טעראָריזירן די נעגער יעדע נאַכט און יעדן טאָג אין טויזנטער שטעט און שטעטלעך און דערפער — אונזער אַמעריקע. היינט, ווי קען אַ פּועלי־ציון־וואָכנבלאַט זאָגן מיט אַ פרומער מינע, אַז „מיר האָבן ניט קיין שולד־קאָמפּלעקס״?״

„(אגב, מ׳וואָלט געקאָנט מיינען, אַז אַ פּועלי־ציון־זשורנאַל וואָלט אפשר געדאַרפט וואָרענען, אַז אידן מוזן זיך דווקא ניט שטופּן מיט זייערע קרעמ־לעך אין די פאַראָרעמטע נעגער־קוואַרטאַלן. אַמעריקע איז גענוג גרויס און רייך און מ׳קען געפינען פרנסה בשפע ערגעץ אַנדערש)״.

„...ווייטער גיט דער שרייבער נאָך אָן אָנצוהערעניש, אַז אויב, חלילה, די נעגער־פירער זאָלן ווייטער זיך ניט אָפּגעבן מער מיט „אינערלעך־דערציערישער״ אַרבעט, קאָן, חלילה, זיין שווער „צו דערגרייכן אַ אַבסאָ־לוטע פאַרשטענדיגונג״ (פּונקט אַזוי פלעגן די ענגלענדער טענה׳ן אין ארץ־ישראל מיט צוואַנציג יאָר צוריק, אַז אויב, חלילה, די פאַראַנטוואָרט־לעכע אידישע פירער וועלן ניט אָפּשטעלן די „טעראָריסטן״, קאָן נאָך ענג־לאַנד, חלילה, האָבן חרטה אויפן גאַנצן ענין פון אַ אידישן היימלאַנד — וועלכן זי האָט שוין דאַן לאַנג פאַרראַטן)״.

„בלויז אין פּונקט נאָך, וואָס לאָזט בשום אופן ניט רוען. דער „קעמ־פער״־שרייבער שטאַלצירט: „אויב אידן שטייען אין די ערשטע רייען ביים קעמפן פאַר נעגער־רעכט...״.

„נו, וואָס איז דאָס? חוזק? אָדער סתם זעלבסטצופרידנקייט? וועל־כע ערשטע רייען? אַ פּאָר טויזנט אידישע יונגעלייט... באַטייליגן זיך אַקטיוו. צווי זיינען געפאַלן קרבנות. אָבער וואו איז דאָס אָרגאַניזירטע אידישע לעבן?״

„די ציוניסטישע באַוועגונג — מ׳שטיינס געזאָגט — האָט אָנגענומען און האַלט אָן אַ מויל מיט שוויגעניש. אונזער אָרטאָדאָקסיע איז צופּיל פאַרנומען מיט כשרות. די קאָנסערוואַטיוון באַטייליגן זיך ווייניג. גראָד דער רעפאָרם־ראַבינאַט האָט זיך עטוואָס באַטייליגט — אָבער אויך ניט צופּיל. די פראַטערנאַלע אָרדנס שוויגן. דער אידישער קאָנגרעס איז יאָ אַקטיוו — האָט ער אויסצושטיין געבערענטע צרות פון כל המינים וואָרט־זאָגערס, וואָס טאַדלען אים, הלמאי ער גיט זיך אָפּ מיט אַזעלכע ניט־אידישע געשעפטן״.

כאָטש מיר זיינען ניט מיט אַלץ איינשטימיג, וואָס שלמה כץ זאָגט, למשל, ער לאָזט אינגאַנצן אויס די אידישע פּראָגרעסיווע באַוועגונג, וואָס באַטיי־ליגט זיך אַקטיוו אין דער באַוועגונג פאַר ציווילע רעכט, האַלטן מיר אָבער, אַז אין זיין בריוו ענטפערט ער זייער ריכטיג די אידישע „טעאָרעטיקער״ פון „פּאַגראָמען״ אין לאָס אַנדזשעלעס.

# דאָס אַמעריקאַנער פאָלק און די מלחמה אין וויעטנאַם

דער „פאָרווערטס" האַלט, אַז די מלחמה אין וויעטנאַם איז גוט פאַר אַמעריקע און גוט פאַר דער וועלט. ער האַלט אויך, אַז דאָס אַמעריקאַנער פאָלק שטיצט דעם פרעזידענט אין דער מלחמה.

אין אַן עדיטאָריעל, וואָס איז דערשינען אין „פאָרווערטס" דעם 26טן אויגוסט זאָגט זיך, אַז:

„ער (דער פרעזידענט — ח. ס.) האָט געוואָרנט די קאָמוניסטישע וועלט (אַז) זי זאָל זיך ניט איינרעדן, אַז דאָס אַמעריקאַנער פאָלק איז פאַר־טיילט אין דער פראַגע פון וויעטנאַם".

אין אַ צווייטן עדיטאָריעל, דעם 30טן אויגוסט, וויל דער „פאָרווערטס" באַווייזן, אַז דאָס פאָלק איז טאַקע איינשטימיג מיט׳ן פרעזידענט. ער שרייבט:

„צוליב אַ צאָל עפנטלעכע אַרויסטריטן און אַנאָנסן אין די צייטונגען פון גרופן פּראָפעסאָרן, שרייבער, קינסטלער, האָט זיך ביי פיל געשאַפן דער איינדרוק, אַז דער גרעסטער טייל פון דער אַמעריקאַנער אינטעלי־גענץ איז געגן פרעזידענט דזשאָנסאָנ׳ס וויעטנאַם פּאָליסי. אין אַ געוויסן זין איז עס געווען נאַטירלעך אַז עס זאָל זיך באַקומען אַזאַ איינדרוק. די אינטעלעקטואַלן וואָס זיינען ניט געגן דער איצטיגער פּאָליסי האָבן קיין אַדווערטאַיזמענט אין די צייטונגען ניט אַרויסגעשטעלט און קיין פאַר־זאַמלונגען ניט גערופן.

„עס איז דערפאַר פון באַזונדערער וויכטיגקייט די רעזאָלוציע, וואָס איז אָנגענומען געוואָרן ביי דער שלוס־זיצונג פון דער קאָנווענשאָן פון דער אַמעריקאַנער לערער פעדעראַציע, וואָס איז לעצטע וואָך אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין לאָס אַנדזשעלעס. די רעזאָלוציע, וואָס איז גוטגעהייסן גע־וואָרן מיט אַ ריזיגער מערהייט, זאָגט, אַז די לערער „שטיצן יעדע באַ־מיאונג פון דער אַדמיניסטראַציע צו דערגרייכן שנעל אַ דויערנדיגן און ווירדיגן שלום אין וויעטנאַם, דאָמיניקאַנער רעפּובליק און אַנדערע מלחמה־געטראָפענע געגענטן". אַ מינאָריטעט רעזאָלוציע וואָס האָט געזאָגט אַז די איצטיקע אַמעריקאַנער פּאָליסי פאַרשטאַרקט די געפאַר פון אַ דריטער וועלט־מלחמה, איז דורכגעפאַלן".

„דער פאַקט, וואָס אַזאַ גרויסע מערהייט פון די לערער האָט גוט־געהייסן די רעזאָלוציע, וועט געוויס „קאָרעגירן" דעם איינדרוק וועגן דער שטעלונג פון דער אַמעריקאַנער אינטעליגענץ צו דער וויעטנאַם־פראַגע".

ווי אַזוי דאָס „קאָרעגירט" דעם איינדרוק, אַז די מערהייט פון דער

אַמעריקאַנער אינטעליגענץ איז ניט געגן דער פּאָליסי פון דער אַדמיניסטראַציע װעגן דער מלחמה אין װיעטנאַם, װײַסן מיר ניט. דער עדטאָריעל־שרײַבער פון „פאָרװערטס" דערצײלט ניט זײַנע לײענער, אַז אַ גרױסע מערהײט פון די דעלעגאַטן בײַ דער לערער־קאָנװענשאַן זײַנען געװען פאַר דער רעזאָלוציע פון דער מינדערהײט. עס זײַנען אַרום די רעזאָלוציעס אַנגעגאַנגען זײער הײסע דעבאַטעס. די אָנגענומענע רעזאָלוציע איז דורכגעגאַנגען נאָך אַ קאָמפּראָמיס צװישן די צװײ מײנונגען. אגב, קאָן דאָך קײנער ניט זײַן און קײנער איז ניט בכלל געגן אַ שלום „אין װיעטנאַם און אַנדערע ערטער".

עס װילט זיך אױך פרעגן דעם „פאָרװערטס": פאַרװאָס זאָלן טאַקע די פּראָפעסאָרן און אַנדערע אינטעלעקטואַלן, װאָס שטיצן די פּאָליסי פון דעם פּרעזידענט אין װיעטנאַם ניט אַרײַנגעבן קײן אַנאָנסן אין די צײַטונגען? װער לאָזט ניט דעמאָנסטרירן און אונטערשרײַבן פּעטיציעס פאַר פאַרזעצן די מלחמה? װאָס איז, זײ שעמען זיך, אָדער זײ האָבן מורא, אַז מען װעט זײ דערפאַר פאַרפאָלגן? װאָס איז דאָס פאַר אַ באַװײַז, אַז זײ זײַנען גראָד אין דער מערהײט?

װי עס זעט אױס, איז אפילו הלל ראָגאָף פון „פאָרװערטס" אױך ניט אינגאַנצן אײנשטימיג מיט דער פּאָליסי פון זײַן אײגענער צײַטונג. ער אַלײן גײט צו מיט געװיסע רעזערװאַציעס צו דער פּאָליסי פון דער אַדמיניסטראַציע אין װיעטנאַם. דעם 26טן אױגוסט שרײַבט הלל ראָגאָף אין „פאָרװערטס":

„עס װערט פאַרשטאַנען, אַז בעפאָר סוף יאָר װעלן מיר האָבן אין װיעטנאַם אַן ערך פון צװײ הונדערט טױזנט סאָלדאַטן. מאַנכע רײדן װעגן מיליטערישע עקספּעדיציעס פון מיליאָנען".

„סענאַטאָר װעין מאָרס פון אָרעגאָן, װעלכער איז אײנער פון די צװײ מיטגלידער אין סענאַט, װאָס באַקעמפן דעם פּרעזידענט׳ס פּאָליסיס אין װיעטנאַם, האָט דערקלערט, אַז טױזנטער בירגער האָבן זיך געװענדעט צו אים מיטן פאַרלאַנג, אַז דער פּרעזידענט „זאָל אימפּיטשט װערן" (אַראָפּגעזעצט װערן פון אַמט), װײַל ער פאַרלעצט די קאָנסטיטוציע".

„סענאַטאָר קלאַרק פון פּענסילװעניע (אַ דעמאָקראַט), האָט באַקומען 15 בריװ אַ טאָג און כמעט אַלע זײַנען געגן דעם פּרעזידענט׳ס פּראָגראַם. די בריװ, װאָס סענאַטאָר האַרט פון מישיגען (אַ דעמאָקראַט) האָט באַקומען זײַנען 5 צו אײנס געגן דעם פּרעזידענט׳ס פּאָליסי. די בריװ, װאָס סענאַטאָר דזשעקסאָן פון אָרעגאָן (דעמאָקראַט) באַקומט, זײַנען צװאַנציג צו אײנס געגן דער פּאָליסי. ענלעכע באַריכטן זײַנען אָפּגעגעבן געװאָרן פון צענדליגער אַנדערע סענאַטאָרן".

מיר לײגן פאָר דעם „פאָרװערטס"־רעדאַקטאָר ער זאָל זיך באַקענען מיט די פאַקטן, װאָס הלל ראָגאָף גיט איבער — טאַקע אין „פאָרװערטס".

# אָפּקלאַנגען פון „לעיבאָר־דעי״

דער „טאָג״ האָט לכבוד „לעיבאָר־דעי״ געשענקט דעם אַמעריקאַנער אַר־בעטער־קלאַס אַ היפּשן עדיטאָריעל. דער „טאָג״ רעכנט אין דעם עדיטאָ־ריעל אויס די גרויסע דערגרייכונגען פון די אַמעריקאַנער אַרבעטער אין דעם לעצטן פּעריאָד. אין דעם עדיטאָריעל פון 6טן סעפּטעמבער ווערט גע־זאָגט:

„אַ צאָל עפּאָכע־מאַכנדיגע רעפאָרמען זיינען שוין אַ קאַרדינאַלער טייל פון דער ווירקלעכקייט, ווי ‚מעדיקעיר׳, וואָס שטעלט מיט זיך ממש פאַר אַ רעוואָלוציעאָנע איבערקערעניש, און די ‚מלחמה געגן אָרעמקייט׳. פון גרויס באַדייט איז דער פאַרמעסט פון דער דזשאָנסאָן־אַדמיניסטראַציע צו רעפאָרמירן דעם ‚טעפט־האַרטלי׳ געזעץ. וועלכער איז אין געווויסע פונקטן זיינע אַ שטער פאַר דעם פרייען וואוקס פון די אַמעריקאַנער טרעיד יו־ניאָנס. און דאָס אַלץ, ניט דורך בלוטיגע רעוואָלוציעס, נאָר דורך דע־מאָקראַטישע אַנטוויקלונגען און עוואָלוציאָנערע פּראָצעסן״.

עס איז זייער טשיקאַווע, ווי דער „טאָג״ פּרובירט איינרעדן זיינע לייע־נער, אַז די אַלע דערגרייכונגען זיינען געקומען פון דעם, וואָס מיר האָבן אַ „גוטן״ פּרעזידענט און ער איז „גוט״ צו די אַרבעטער. אין ערגעץ איז ניטאָ קיין וואָרט וועגן די קאַמפן, וואָס די „סיניאָר סיטיזענס״ — די פּענ־סיאָנירטע אַרבעטער האָבן געפירט אין משך פון אַ צאָל יאָרן פאַר „מעדי־קער״, וואָס די אַרבעטער באַוועגונג האָט געפירט פאַר אַנדערע רעפאָרמען.

דער „טאָג״ וויל אויך באַווייזן זיינע אַרבעטער לייענער, אַז מען דאַרף ניט דורכפירן קיין „בלוטיגע רעוואָלוציעס״ כדי צו דערגרייכן אַרבעטער רעפאָרמען. וועמען פּרובירט עס דער „טאָג״ איבערצייגן, אַז מען דאַרף קיין בלוט ניט פאַרגיסן? די אַרבעטער, די טרעיד יוניאָנס, אָדער וועלכע עס איז אַרבעטער פּאַרטיי אין אַמעריקע? איז דען דאָ עמיצער, וואָס פּריידיגט אַזוינס, אָדער וואָס פּראַקטיצירט אַזוינס אין לעבן?

די אָנצוהערענישן און מוסר־דרשות וואָלט דער „טאָג״ געדאַרפט געבן די באַלעבאַטים און דער פּאָליציי, וואָס פאַרגיסט בלוט פון אַרבעטער אין סטרייקס און אַרעסטירט זיי. די וואָרענונגען דאַרף ער געבן די שטאַטישע און פעדעראַלע רעגירונגען, וואָס שטעלן זיך ניט אָפּ פאַר קיין מיטלען ניט צו דערלאָזן צו וועלכע עס איז אַרבעטער רעפאָרמען.

אין דער לאַנגער געשיכטע פון דעם אַרבעטער־קלאַס אין אַמעריקע איז נאָך ניט געווען קיין פאַל, ווען ער האָט געקראָגן וועלכע עס איז רעפאָרמען אָן אַ קאַמף און אָן פאָדערונגען.

# די אורטיילן איבער די מערדער

אין אַן עדיטאָריעל דעם 7טן סעפּטעמבער רופט זיך אָפּ דער „טאָג" אויף די אורטיילן, וואָס די נאַצישע מאַסן־מערדער האָבן געקראָגן אין מערב־דייטשלאַנד פאַר זייערע רציחות אין אָשוויענטשים און טרעבלינקע. אין דעם עדיטאָריעל ווערט דערקלערט, אַז —

„די פּראָצעסן קעגן די היטלערישע תלינים פון אוישוויץ און טרעב־לינקע זיינען ניט געגוג און די אורטיילן, וועלכע זיינען אַרויסגעטראָגן גע־וואָרן געגן די אָנגעקלאָגטע מערדער זיינען ניט גענוג. די געהעריגע שטראָף דאַרף טרעפן אַלע נאַצישע פייניגער און מערדער. דאָס איז דאָס ווינ־ציגסטע, וואָס מען האָט דאָס רעכט צו דערוואַרטן פון דער נייער דייטש־לאַנד מיט איר געריכט־מאַכט".

זיינען מיר איינגאַנצן איינשטימיג מיט דעם שרייבער פון דעם עדיטאָ־ריעל, אַז דאָס „איז ניט גענוג" און אַז „אַלע נאַצישע מערדער" דאַרפן באַ־שטראָפט ווערן. די פראַגע איז בלויז, וואָס טוט דער „טאָג" וועגן דעם, אַז אַלע זאָלן באַשטראָפט ווערן.

אָט וועט אין 4 יאָר אַרום קומען צו דער שלוס־דאַטע, וואָס דער דייטשער בונדעסטאָג האָט אָנגענומען מיט אַ שטיקל צייט צוריק. נאָך דער דאַטע וועט שוין מערב־דייטשלאַנד האָבן אַ „לעגאַלע" רעכט ניט צו באַשטראָפן קיינע נאַצישע פאַרברעכער. אַז די „נייע" דייטשלאַנד איז דורכגעווערעמט מיט אַזוינע פאַרברעכער, ווייסט דער „טאָג" זייער גוט. אַ סך פון די קווי־לערס וואוינען אויך ביי אונז אין אַמעריקע. אָט איז דערשינען אַ שטיקל נייעס מיט אַ פּאָר וואָכן צוריק, אַז אילזע קאָך, די צויג פון בוכענוואַלד, וואוינט אין פילאַדעלפיע. ווייסן מיר נאָך ניט, ווי וויט די נייעס איז ריכטיג. עס איז אָבער אַ זיכערע זאַך, אַז הונדערטער אידן־מערדער לעבן דאָ ביי אונז אין לאַנד. מיר האָבן דערמאָנט זייערע נעמען און אָנגעוויזן אויף זייערע אַד־רעסן. אפילו אין „טאָג" באַוויזט זיך פון צייט צו צייט אַ שטיקל נייעס וועגן אַזוינע פאַרברעכער וואָס לעבן דאָ. אַז אילזע קאָך געפינט זיך אויף דער פריי איז קיין צווייפל ניטאָ, — אַלץ איינס וואו זי זאָל זיך ניט געפינען.

עס וואָלט געווען זייער אַ גוטע זאַך, אַז די גאַנצע אידישע פּרעסע, איינ־שליסנדיג דעם „טאָג", זאָל שוין איצט אָנהויבן אַ קאַמפּאַניע פאַר דער אָפּ־שאַפונג פון דעם שלוס־דאַטע.

# צווייפלהאַפטע ליכט

דער „פאָרווערטס" האָט אין איינע דריי טעג געשענקט זיינע לייענער צוויי גרעסערע עדיטאָריעלס וועגן די אידן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד. איין עדיטאָ־ריעל איז געווען געדרוקט שבת, דעם 11טן סעפּטעמבער. ווערט דאָרט גע־זאָגט, אַז

„טראַץ די נייעסן, וואָס האָבן זיך לעצטנס פאַרשפּרייט וועגן ,פאַר־לייכטערונגען׳, באַריכטן וועגן דרוקן צען טויזנט סידורים, ערלויבעניש צו באַקן מצות, און אַ צוזאָג צו באַנייען די לימודים אין דער מאָסקווער ישיבה — איז די לאַגע פון סאָוועטישן אידנטום ווייט פון צו זיין צופרי־דענשטעלענד... די אַלע ,פאַרלייכטערונגען׳ וועגן וועלכע מיר הערן זיינען געגליכן צו אַ שוועבעלע וואָס מען צינדט אָן אין אַ גרויסע פינצטערן זאַל״.

דער עדיטאָריעל איז געדרוקט אונטער אַ קאָפּ — „די ליכט פון וואַכ־זאַמקייט״ און פירט אויס, אַז דער עיקר איז, אַז

„נאָך דעם גרויסן אומגליק וואָס איז באַפאַלן דעם אידישן פאָלק טאָרן מיר ניט בלייבן גלייכגילטיג צו דער לאַגע פון די אידן אין רוסלאַנד. מיר זיינען זייער איינציגע האָפענונג פאַר הילף״.

„דאָס איז דער ציל פון עולה־רגל (אוילע רעגעל) זיין קיין וואַשינג־טאָן דעם 19טן סעפּטעמבער אָנצוצינדן דעם פלאַם פון פּראָטעסט אין אַ ליכט פון וואַכזאַמקייט״.

אין דעם צווייטן עדיטאָריעל אין „פאָרווערטס״, אונטערן קאָפּ: „בע־סערע נייעס פאַר אידן פון סאָוועט־רוסלאַנד״, רופט זיך אָפּ דער עדי־טאָריעל־שרייבער אויף דעם באַריכט, וואָס איז דערשינען אין די צייטונגען, אַז די מאָסקווער „פּראַוודאַ״ האָט אין אַן עדיטאָריעל שאַרף פאַרדאַמט אַנטי־סעמיטיזם. דער „פאָרווערטס״ טענה׳ט, אַז די גוטע נייעס איז געקומען אַדאַנק דעם, וואָס מען האָט פּראָטעסטירט. צום סוף פירט ער אויס, אַז

„מיר טאָרן ניט אָפּשטעלן אונזערע באַמיאונגען ביז דער קאַמף וועט געוואונען ווערן. מיר מיינען אַז די דעמאָנסטראַציע קומענדיגן זונטאָג אין וואַשינגטאָן, וואו עס וועט אָנגעצונדן ווערן אַ ,ליכט פון וואַכזאַמקייט׳ פאַר די סאָוועטישע אידן, דאַרף איצט זיין נאָך גרעסער און איינדרוקספולער״.

זיינען מיר מוחל דעם „פאָרווערטס״ די געגנזן־פּיסלעך אַרום דעם וואָרט „פאַרלייכטערונגען״, און דעם אויסדרוק „שוועבעלע אין דעם פינצטערן זאַל״. אונז גייט דאָ ניט אין פאַרטיידיגן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד — ער איז שטאַרק גענוג און קאָן זיך אַליין פאַרטיידיגן. אונז גייט דאָ גיכער אין פאַרטיידיגן אידן געגן זייערע „באַשיצער״.

אין מערב־דייטשלאַנד איז די רעגירונג דורכגעוועבט פון נאַציס. ריכ־טער, אַדוואָקאַטן, פּראָקוראָרן, פירער פון דער פּאָליציי און מיליטער, אַמ־באַסאַדאָרן, וויכטיגע רעגירונגס־אָנגעשטעלטע, דעפּוטאַטן און אַנדערע זיינען „געוועזענע״ נאַציס. פיל פון זיי האָבן זיך אַקטיוו באַטייליגט אין אומברענ־גען אידן.

מיר אין דער „מאָרגן פרייהייט״ האָבן ביי פאַרשיידענע געלעגנהייטן אי־בערגעגעבן פיל פאַקטן וועגן אידן־מערדער פון פאַרשיידענע נאַציאָנאַליטעטן,

וואָס געפינען זיך דאָ, ביי אונז אין אַמעריקע, אויף דער פריי. מיר האָבן זייערע אַדרעסן, מיר האָבן דערמאָנט זייערע נעמען און דערציילט ווען און וואו זיי האָבן געמאָרדערט אידן! לעצטנס רעדט מען וועגן דעם, אַז אילזע קאָך געפינט זיך אין פילאַדעלפיע.

עפּעס הערט מען ניט, אַז דער „פאָרווערטס" זאָל ווערן אויפגערודערט פון די פאַקטן. דער „פאָרווערטס" רופט ניט צו קיין דעמאָנסטראַציעס אין ניו יאָרק אָדער אין וואַשינגטאָן, אַז אונזער רעגירונג זאָל אַרויסגעבן די מערדער צו די לענדער, וואו די מאַסן־מאָרדן זיינען באַגאַנגען געוואָרן. ער רעאַגירט בכלל ניט אויף דעם ענין.

אין סאָוועטן־פאַרבאַנד משפט מען אידן־מערדער און מען פאַר׳משפט זיי אַזוי, אַז זיי זאָלן שוין מער קיינמאָל ניט קאָנען מאָרדן. אין סאָוועטן־פאַרבאַנד איז דאָך ניטאָ קיין ראַקוועל און קיין קו־קלוקס־קלען און קיין בוירטש סאָסייעטי, און מען שמירט דאָרטן ניט קיין סוואַסטיקאָס. ביי אונז זיינען די אַלע אָרגאַניזאַציעס דאָ און זיי זיצן ניט מיט קיין פאַרלייגטע הענט. אָט דאָ וואָלט מען געדאַרפט אָנצינדן אַ „וואַכזאַם ליכט". אויב דער „פאָרווערטס" רופט ניט צו אַזוינע אַקציעס און איז ניט פאַראינטערעסירט אין אַן אמת׳ן קאַמף געגן אַנטיסעמיטיזם ביי אונז אין לאַנד, אָדער אין דער „נייער" דייטשלאַנד און אַנדערע טיילן פון דער „פרייער" וועלט, מוז מען שטעמפּלען דעם „פאָרווערטס" וויי־געשריי פאַר די אידן פון סאָוועטן־פאַרבאַנד, ווי היפּאָקריטיש. מען מוז קומען צום אויספיר, אַז דעם „פאָרווערטס" און די אָרגאַניזאַטאָרן פון דעם מאַרש אויף וואַשינגטאָן, גייט אָן איינס — קאַמף געגן סאָוועטן־פאַרבאַנד. מיט דעם קאַמף און מיט די מאַרשן און פּראָטעסטן העלפן זיי נאָר — אויב אפילו ניט־ווילנדיג — די אמת׳ע אַנטיסעמיטן און אידן־מערדער אַרויסצודרייען זיך פון גערעכטיגקייט. זיי פאַרשלעפּערן דערמיט די וואַכזאַמקייט פון די אידישע מאַסן.

## אידיש אין אַמעריקע

דער באַוואוסטער דיכטער און פּובליציסט יעקב גלאַטשטיין רעדט זיך אַראָפּ פון האַרצן וועגן דעם מצב פון אידיש אין אַמעריקע. ער שרייבט אין דער „יידישע צייטונג", וואָס גייט אַרויס אין תל־אביב, דעם 13טן אויגוסט:

„פאַרוואָס שאַצן מיר אַזוי גרינג און לייכטזיניג דעם כבוד פון אידישן לשון, אידישע פּרעסע און אידישן בוך? פאַרוואָס דערלאָזן מיר, אַז אידישע נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציעס זאָלן זיך אַזוי גרינטלעך לאָזן איבערנעמען פון שונאים פון אידיש?"

„פאַרוואָס דעמאָנסטרירן מיר נישט אַרום אידישע פאַרזאַמלונגען, וואָס לאָזן ניט אַרויף קיין אידישן רעדנער אויף זייערע פּלאַטפאָרמעס,

אָדער ביי ווענען מען דאַרף אויסבעטלען עטלעכע אידישע ווערטער ? וואו זיינען אונזערע פיקעטס — יאָ, פיקעטס, וואָס זאָלן דעמאָנסטרירן פאַר דער וועלט דעם אומזין, אַז אפילו ווען מען דעמאָנסטרירט געגן אונטער־דריקטן אידיש, טוט מען עס בלויז מיט ענגלישע רעדנערס ?"

ווי עס קוקט אויס האָט דאָ גלאַטשטיין אינזינען די פּראָטעסט־פאַרזאַמלונגען געגן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד; ווי עס זעט אויס זיינען די סאַמע גרעסטע קעמפער פאַר אידיש אין סאָוועטן־פאַרבאַנד (כלומרשט) — די סאַמע גרעסטע אונטערדריקער פון אידיש אין אַמעריקע.

מיר וואָלטן בלויז געוואָלט פאַרבעטן י. גלאַטשטיינ׳ען ער זאָל אַמאָל קומען צו די גרעסערע און קלענערע פאַרזאַמלונגען אין דער אידישע פּראָגרעסיווער באַוועגונג. ער וואָלט דאָרט געהערט, ווי פריי און שיין עס קלינגט דאָרט דאָס אידישע וואָרט.

## דער „פאָרווערטס" מוסר׳ט אַרטור מילער׳ן

דער „פאָרווערטס" איז שטאַרק אומצופרידן מיט דעם, וואָס דער באַוואוסטער דראַמאַטורג, אַרטור מילער, האָט זיך אָפּגעזאָגט אָנצונעמען דעם פּרעזידענט׳ס איינלאַדונג צו דער צערעמאָניע פון אונטערשרייבן אין „ווייסן הויז" דעם געזעץ־פּראָיעקט וועגן קונסט און ליטעראַטור. אין אַן עדיטאָריעל אונטערן קאָפּ „די קאַפּריזן פון אַ קינסטלער", דעם 30טן סעפּטעמבער, זאָגט דער „פאָרווערטס":

„דער דראַמאַטורג האָט צוריקגעוויזן די איינלאַדונג מיט דער דערקלערונג, אַז כל זמן קאַנאָנען קנאַלן אין וויעטנאַם קען ער ניט קומען אין ווייסן הויז.

„ס׳איז אַ טשיקאַווע שטעלונג, זאָגן מיר, און מיר קאָנען עס ניט פאַרשטיין. די ביקסן און קאַנאָנען האָבן געקנאַלט אין וויעטנאַם ווען מר. מילער האָט געהאַט אַ פּיעסע אויף בראָדוועי. פאַרוואָס האָט ער דעמאָלס ניט פאַרמאַכט דעם טעאַטער ? ווי האָט ער געקענט זיך פאַרווילן מיט טעאַטער־שפּיל, ווען אַמעריקאַניש בלוט האָט זיך געגאָסן אין וויעטנאַם ? און נאָך עטוואָס — ווי קומט עס וואָס זיין קינסטלערישער געמיט איז געבליבן געלאַסן, אויב ניט גלייכגילטיג, ווען די פּראָ־קאָמוניסטישע גערילאָס האָבן פאַרגאָסן בלוט פון ציווילע מענטשן אין וויעטנאַם ?"

אַזוי ווי מיר צווייפלען צי אַרטור מילער לייענט דעם „פאָרווערטס", וועלן מיר פּרובירן אויפקלערן דעם „פאָרווערטס" און זיינע לייענער א. מילער׳ס שטעלונג צו דעם פּרעזידענט׳ס איינלאַדונג.

קודם כל איז דאָס ניט געווען סתם אַ „קאַפּריז" פון דעם גרויסן אַמערי־

קאַניש־אידישן קינסטלער, נאָר אַ באַוואוסטזיניגער פּראָטעסט געגן דער אַמע־ריקאַנער פּאָליטיק אין וויעטנאַם. צווייטנס, קאָן א. מילער ניט פאַרמאַכן קיין טעאַטערס אויף בראָדוועי. ער קאָן אָבער ניט דערלאָזן, אַז זיינע פּיעסן זאָלן דאָרט געשטעלט ווערן.

ער האָט דאָס ניט געטאָן, ווייל זיינע פּיעסן זיינען ניט קיין פאַרווילע־רישע. די פּאָפּולערקייט פון אַרטור מילער׳ס פּיעסן נעמען זיך טאָקע פון דעם, וואָס זיי שרייען אויס געגן אומגערעכטיקייטן, היפּאָקריטסטווע און פאַלשקייטן. אַזאַ איז געווען זיין פּיעסע „די קרוסיבל״, אין וועלכער ער האָט אָנגעוויזן אויף דעם אומזין און פאַרדאָרבנקייט פון דעם מעקאַרטי־פּעריאָד. די לעצטע פּיעסע פון אַרטור מילער׳ן, איז געווען „אינצידענט אין ווישי״. אין דער פּיעסע דעקט אויף דער אויטאָר דעם סאַדיזם און בלוט־דורש־טיגקייט פון די נאַציס און באַשולדיגט אַלע די וואָס האָבן געוואוסט פון די היטלער־מערדערייען און געשוויגן. דאָס איז אַ פּראָטעסט געגן די, וואָס שווייגן אויך היינט — וועגן די אומגערעכטיגקייטן צו דעם נעגער־פאָלק און אויך געגן דעם אומברענגען אומשולדיגע מענטשן אין וויעטנאַם.

כדי צו באַרעכטיגן זיין ניט פאַרשטיין אַרטור מילער׳ס צוריקווייזן דעם פּרעזידענט׳ס איינלאַדונג, באַהאַלט דער „פאַרוואַרטס״ פון זיינע לייענער דעם אינהאַלט פון דעם בריוו, וואָס מילער האָט געשיקט דעם פּרעזידענט. אין דעם בריוו מאַכט אַרטור מילער זייער קלאָר, אַז דאָס איז ניט קיין „קאַפּריז״. ער שרייבט דאָרטן:

„דערווייל שטייגן (אין וויעטנאַם) יעדן טאָג די אַמעריקאַנער פאַר־לוסטן. אונזער לופט־קראַפט פירט דורך ריזיגע באָמבאַרדעס דורך גע־דיכטע וואָלקנס, וואָס קאָן בלויז מיינען ריזיגע ליידן פאַר ציווילע אין וויעטנאַם, און טויט פאַר אומשולדיגע פרויען און קינדער...

„איך בעט דעם פּרעזידענט צו באַצייכענען אויפן סאַמע פּאַסיגסטן אופן דעם גרויסן־פּראָיעקט וועגן קונסט און ליטעראַטור דורך ענטפערן אויף דעם פיר־פונקטן אָנבאָט פון האַנאָי מיט אַ קלאָרן אַמעריקאַנער פאָרשלאָג פאַר וואָפנרו און פעסטע פאַרהאַנדלונגען״.

וואָס איז שייך דער מעשה אין דעם עדיטאָריעל, אַז „די פּראָ־קאָמו־ניסטישע גערילאָס האָבן פאַרגאָסן בלוט פון ציווילע מענטשן אין וויעטנאַם״, וואָלטן מיר געראָטן דעם עדיטאָריעל־שרייבער אַ קוק טאָן אויף דער „ניו יאָרק פּאָסט״ פון 1טן אָקטאָבער. דאָרט ווערט דערציילט וועגן אַ בריוו, וואָס אַן אַמעריקאַנער אינגל, וואָס איז איצט אַ סאָלדאַט אין וויעטנאַם, שרייבט צו זיין מאַמען אין וויטשיטאַ, קענזעס. ער דערציילט דאָרטן:

„מאַם, איך האָב געדאַרפט דערמאָרדן אַ פרוי און אַ קינד... דאָס איז דאָס ערשטע מאָל, וואָס עס איז מיר געוואָרן ניט גוט אין בויך. דאָס קינד איז אַלט געווען אינגאַנצן אַרום 2 מאָנאַטן...״

# אַ דאַנק צו אַמעריקע

צום נייעם יאָר דריקט א. מענעס אויס זיין דאַנקבאַרקייט צו אַמעריקע. ער האַלט, אַז אַלע אידן דאַרפן פילן אַ דאַנקבאַרקייט צום לאַנד. איז ווען מענעס וואָלט אויסגעדריקט אַ דאַנק דעם גרויסן אַמעריקאַנער פאָלק פאַר זיינע וואונדערלעכע קאַמף־טראַדיציעס, פאַר אויפבויען גרויסע יוניאָנס, פאַר זיינע קאַמפן פאַר אַן אויסגעברייטערטער דעמאָקראַטיע און — אַ דאַנק צו די וואָס האָבן אַוועקגעגעבן זייערע לעבנס ביי אונז אין לאַנד, עס זאָל זיין דעמאָקראַטיע, וואָלטן מיר זיך אויך אונטערגעשריבן. דערביי וואָלטן מיר געזאָגט, אַז דער דאַנק קומט ניט נאָר פון אידן, נאָר פון אַלעמען. אידן אין אַמעריקע האָבן ניט נאָר גענומען, נאָר אויך געגעבן. זיי האָבן אַרויסגעגעבן, צוגלייך מיט אַנדערע נאַציאָנאַלע גרופן, קעמפער און מאַרטירער. מענעס דאַנקט אָבער פאַר זאַכן, וואָס זיינען ניט ריכטיג. ער שרייבט אין „פאָר־ווערטס" פון דעם 2טן אָקטאָבער:

> „און אַמעריקע האָט באַפרייט די וועלט פון דער קללה פון נאַציזם. אַמעריקע האָט אונז מאָראַליש און פּאָליטיש געהאָלפן אין דער קריטישער צייט ווען דער ישוב אין ישראל האָט פּראָקלאַמירט די זעלבסטשטענדיג־קייט פון דער אידישער מדינה".

אין דער קורצער ציטאַטע איז דאָ איין האַלבער אמת און איין גאַנצער ליגן. ...נו, ניט־אמת. עס איז אמת, אַז אונזער לאַנד האָט געמאַכט אַ גרויסן בייטראָג אין דעם זיג איבער דעם היטלעריזם בשעת דער צווייטער וועלט־מלחמה. עס איז אָבער פאַלש, אַז בלויז אַמעריקע האָט דאָס געטאָן (אַזאַ איינדרוק באַקומט זיך פון מענעס'עס רייד). דער סאָוועטן־פאַרבאַנד האָט אויך „עפּעס" געהאָט צו טאָן מיטן זיג — און אויך ענגלאַנד, פראַנקרייך און אַנדערע לענדער.

אידן קאָנען אָבער שוין גאָרניט דאַנקבאַר זיין אונזער רעגירונג פאַר קעכלען דעם נאַציזם נאָך דער מלחמה, סיי אין מערב־דייטשלאַנד און סיי די נאַציס, וואָס האָבן געמאָרדעט אידן און זיינען פריי ביי אונז אין לאַנד.

די מאָראַלישע און פּאָליטישע הילף, וואָס מענעס האַלט, אַז אַמעריקע האָט געגעבן דער יונגער מדינת ישראל, איז שוין אינגאַנצן אַן אויסגעטראַכטע! געהאָלפן דעם קאַמף דער יונגער מדינה פאַר זעלבסטשטענדיגקייט האָט טשע־כאָסלאָוואַקיע, פּוילן און דער סאָוועטן־פאַרבאַנד. זיי האָבן איר געהאָלפן מיט געווער און מיט אַנדערע מיטלען. דער פאָרשטייער פון דער סאָוועטישער רעגירונג, אַנדריי גראָמיקאָ, האָט דער ערשטער געשטיצט דעם פאָרשלאָג אין דער יו־ען צו עטאַבלירן מדינת ישראל. די סאָוועטישע רעגירונג האָט די ערשטע אָנערקענט ישראל אַלס זעלבסטשטענדיגע מדינה. דער געוועזע־נער פּרעזידענט טרומאַן האָט זיך דאַן געדרייט אויפן קאָרעק. ווען דער פאָר־

שלאָג פון זיין פאַרשטייער אין דער יו־ען, וואָרען אָסטין, מען זאָל בטל מאַכן דעם היסטאָרישן באַשלוס צו שאַפן מדינת ישראל, איז דורכגעפאַלן (אַ דאַנק דער אָנשטרענגונג פון גראָמיקאָ׳ן און אַנדערע סאָציאַליסטישע פאָרשטייער) האָט טרומאַן געמאַכט אַ קונץ, כלומרשט אָנערקענט ישראל און — באַלד אַרויסגעלייגט אַן עמבאַרגאָ אויף געווער קיין ישראל, כדי די יונגע מדינה זאָל אומקומען. דאָס געווער פון טשעכאָסלאָוואַקיע און בכלל פון סאָציאַ־ליסטישן לאַגער האָט אָבער צונישט געמאַכט טרומאַנ׳ס פּלענער.

דאָס איז דער היסטאָרישער אמת. וויפיל מ׳זאָל ניט פּרובירן אים פאַרווישן, וועט עס ניט געלינגען.

## וועגן אַנטיסעמיטיזם אין אַמעריקע

אין דער „איזוועסטיאַ" — די צייטונג פון דער סאָוועטישער רעגירונג — איז מיט אַ וואָך צוריק דערשינען אַן אַרטיקל פון איר אַמעריקאַנער קאָרעס־פּאָנדענט, וואו עס ווערן געשילדערט די אָפּטע אַנטיסעמיטישע דערשיינונגען אין אַמעריקע. האָט זיך אויף דעם אַרטיקל אָפּגערופן דער „טאָג" (11טן אָקטאָבער) מיט אַ לענגערן עדיטאָריעל (לייט־אַרטיקל), וואו עס ווערט גע־זאָגט :

„פאַרשטייט זיך, אַז דערביי ,פאַרגעסט׳ מען צו נעמען אין באַטראַכט דעם פאַקט, אַז ווען מען רעדט וועגן אַנטיסעמיטיזם אין אַמעריקע, הייסט עס, אַז אפילו לויט די סאָוועטישע באַשולדיגער, האַנדלט זיך עס וועגן גע־וויסע גרופּן און יחידים, וואָס העצן געגן אידן אָפּן אָדער פון אַ באַהעל־טעניש. מען קאָן אָבער ניט אָנווייזן אויף קיין איינציגן פאַל פון אַנטי־סעמיטיזם אין דער אָדער אין יענער פאָרם, וואָס זאָל קאָנען צוגעשריבן ווערן צו דער פעדעראַלער רעגירונג אָדער צו די סטעיט און שטאָט רע־גירונגען. ווען נאָר עס ווייזט זיך אַזאַ פאַל פון אַנטיסעמיטישער העצע אָדער אַקציע, נעמען רעגירונגען באַלד שריט".

מאָלט אייך, אַז מען קאָן אָנווייזן אויף פיל פאַלן פון אַנטיסעמיטיזם, וואָס די רעגירונג טוט גאָרניט וועגן דעם. דורך דער רעגירונג־פּאָסט ווערן אַרויסגעשיקט מיליאָנען שטיקלעך אַנטיסעמיטישע „ליטעראַטור" ! ניט נאָר ווערט אַנטיסעמיטיזם פאַרשפּרייט דורך דער אַמעריקאַנער פּאָסט ביי אונז אין לאַנד, נאָר היגע אַנטיסעמיטן שיקן אויך אַרויס טויזנטער אַנטיסעמיטישע בלעטלעך קיין קאַנאַדע און אַ ריי אייראָפּייאישע לענדער, איינגעשלאָסן מערב־דייטשלאַנד.

נאָר אפשר וואָלט די „טאָג"־רעדאַקציע אַריינגעקוקט אין... „טאָג" ? אין „טאָג" פון 25טן דעצעמבער, 1964, איז אָפּגעדרוקט אַן אַרטיקל מיט פאַקטן וועגן „דיסקרימינאַציע געגן אידן אין ביזנעס וועלט". אין „טאָג"

פון 28טן אויגוסט, 1965 איז אָפּגעדרוקט אַ שטיקל נייעס: „רעכטע יו־עס יוגנט־גרופּע וועט ,ערן׳ 3 רוסישע נאַציס אַלס פרייהייט־קעמפּער״. אין „טאָג״ פון 9טן אָקטאָבער ווערט איבערגעגעבן אַ שטיקל נייעס, וואָס „באַשול־דיגט, אַז אַ באַאַמטער אין מערילענד דיסקרימינירט געגן אידן און סובאָט־ניקעס״. דערוויילע האָט די רעגירונג פון מערילענד גאָרנישט געטאָן וועגן דעם. עס גייט ניט דורך קיין וואָך, מען זאָל ניט לייענען וועגן אַנטי־אי־דישע אַקטן, אַנטיסעמיטיזם און דיסקרימינאַציעס געגן אידן. זאָל דאָ אויך דערמאָנט ווערן די מעלדונג אין „פאָרווערטס״ פון 18טן אויגוסט דעם יאָר, וואָס דערציילט וועגן אַן אַרבעטער־רינג בית עולם אין אָלבאַני, ניו־יאָרק, וואָס איז געשענדעט געוואָרן און וואו מצבות זיינען אומגעוואָרפן געוואָרן. די „מאָרגן־פרייהייט״ האָט מיט איבער אַ האַלב יאָר צוריק אַרויסגעגעבן אַ בראָשור מיט פיל פאַקטן וועגן דער געפאַר פון אַנטיסעמיטיזם אין אַמע־ריקע (פון רעדאַקציע: „די געפאַר פון שווייגן״, פון חיים סולער).

ווייזט אויס, אַז דער „טאָג״ אַליין פילט, אַז עפּעס איז ניט אין אָרדענונג מיט זיינע פאַקטן, ווייל אַביסל ווייטער אין דעם עדיטאָריעל ווערט געזאָגט, רעדנדיק וועגן אַמעריקאַנער רעגירונג־אינסטיטוציעס:

„אויב זיי דערגייען ניט ווייט מיט זייערע לעגאַלע שריט, איז עס נאָר צוליב דעם, וואָס דעמאָקראַטיע אין אַמעריקע איז אַזוי שטאַרק באַ־פעסטיגט, אַז רעגירונגס־אָרגאַנען מוזן אָנערקענען די ,רעכט׳ פון פאַ־שיסטישע און אַנטיסעמיטישע עלעמענטן זיך צו באַנוצן מיט דער פריי־הייט פון וואָרט.

„ווי פאַרגלייכט זיך דאַן אַזאַ צושטאַנד צו דער לאַגע אין סאָוועט־רוסלאַנד, וואו אַלץ וואָס ווערט געטאָן אין לאַנד איז מיטן וויסן און מיט דער גוטהייסונג, אויב ניט אויפן סאַמע פאַרלאַנג פון די רעגירונג־אינ־סטאַנצן? אונטער דער סאָוועטישער סיסטעם איז פּשוט אוממעגלעך, אַז גרופּן אָדער יחידים זאָלן קאָנען פּראַקטיצירן אַנטיסעמיטיזם און די רע־גירונגס־אָרגאַנען זאָלן זיי ניט קאָנען באַלד אָפּשטעלן״.

אויף דעם קלאָגט דאָך טאַקע דער נביא, וואָס דאָ בושעוועט דער אַנטי־סעמיטיזם און נעאָ־נאַציזם אַלץ שטאַרקער און העכער און קיין שריט ווערן ניט גענומען געגן דעם. מען הערט ניט וועגן דעם, אַז אַ קאָנגרעסמאַן אָדער אַ לעגיסלאַטאָר פון וועלכן עס איז סטעיט זאָל זיך אויפשטעלן און פאָרלייגן אַ ביל צו פאַרבאָטן דעם פאַרשפּרייט פון אַנטיסעמיטישער אָדער ראַסיסטי־שער פּראָפּאַגאַנדע. ביים „טאָג״ איז ניחא (ניכע), אַז פאַשיסטן און אַנטי־סעמיטן זאָלן האָבן אַ „רעכט״ אויף זייער אַרבעט. עס איז אָבער זייער מאָדנע, אַז ווען עס קומט צו קאָמוניסטן אָדער אַנדערע עלעמענטן, קעמפער פאַר שלום, רינט אויף שנעל אויס די דעמאָקראַטיע און עס איז שוין ניטאָ קיין פרייהייט ניט פון וואָרט און ניט פון פאַרזאַמלונג!

„אונטער דער סאָוועטישער סיסטעם" איז טאַקע ניט מעגלעך, אַ „בוירטש סאָסאַיעטי", אַ „נאַצי פּאַרטי" און ענלעכע אָרגאַניזאַציעס. דאָרטן זעט מען טאַקע ניט קיין סוואַסטיקאַס אויף די ווענט. אין סאָוועטן־פאַרבאַנד קאָן מען ניט פאַרשפּרייטן קיין אַנטיסעמיטישן האַס דורך דער פּאָסט אָדער אויף וועלכן עס איז אַנדער אופן.

צום סוף פון דעם לאַנגן עדיטאָריעל ווערט איבערגעגעבן, אַז —

„גראַד האָט לעצטנס פּרעזידענט דזשאָנסאָן אַליין זיך שאַרף אַרויס־געזאָגט געגן סאָוועטישן אַנטיסעמיטיזם. די טעג איז אויך אַרויסגעקומען אַ סענאַט־קאָמיטע מיט אַ באַריכט וועגן אַן אויספאָרשונג פון סאָוועטישן אַנטיסעמיטיזם, און דער דאָזיגער באַריכט פאַרדאַמט מאָסקווע פאַר איר אַנטי־אידישער פּאָליטיק".

מיר וואָלטן געוואָלט זייער צופרידן צו הערן, אַז פּרעזידענט דזשאָנסאָן האָט פאַרדאַמט אַנטיסעמיטיזם ביי אונז אין לאַנד. דאָס האָט ער אָבער ניט געטאָן. ווען ער הויבט אויף זיין שטימע געגן אַמעריקאַנער נאַציס און כוליגאַנעס, וואָלט מען אים געקאָנט גלויבן, אַז עס גייט אים אָן אַנטי־סעמיטיזם אין אַן אַנדער לאַנד. אַזוי ווי ער טוט דאָס ניט און אַנטיסעמיטיזם איז דאָך דאָ יאָ פאַראַן אין לאַנד, מוז מען זאָגן, אַז זיין פאַרדאַמען דעם כלומרשטן אַנטיסעמיטיזם אין סאָוועטן־פאַרבאַנד איז אַ טייל פון דעם קאַמף געגן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, אַ טייל פון דער קאַלטער מלחמה.

דאָס זעלבע איז מיט דער סענאַט־קאָמיסיע, וואָס האָט „פאַרדאַמט מאָס־קווע פאַר איר אַנטי־אידישער פּאָליטיק". דער פאַרזיצער פון דער קאָמיסיע איז דער טרויעריג־באַרימטער ראַסיסט דזשעימס איסטלאַנד. וועגן אים האָט דריו פּירסאָן, דער באַוואוסטער קאָלומניסט ניט לאַנג צוריק געזאָגט אין דער „ניו יאָרק פּאָוסט", אַז ער דיסקרימינירט געגן אידישע און נע־גערשע ריכטער. מיר האָבן נאָך דערוויילע ניט געהערט, אַז איסטלאַנד זאָל אין ערגעץ זאָגן איין שלעכט וואָרט וועגן נאַציס, ראַסיסטן און אַנטיסעמיטן ביי אונז אין לאַנד. אַז אָך און ווי ווער עס קעמפט געגן אַנטיסעמיטיזם! דאָ גילט דאָס אידישע ווערטל: גאָט, היט מיך אויס פון מיינע פריינט, פון מיינע שונאים וועל איך זיך שוין אַליין היטן".

## וועגן אידישקייט אין סאָוועטן־פאַרבאַנד

הרב דוד האָלענדער, וועלכער האָט זינט 1956 באַזוכט דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד עטלעכע מאָל, שרייבט אין „טאָג" פון 5טן אָקטאָבער וועגן אידן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד. ער פאַרנעמט זיך אין דעם אַרטיקל מיט דער פראַגע צי מען דאַרף דעמאָנסטרירן געגן סאָוועטן־פאַרבאַנד, אָדער טאָן אַנדערע זאַכן צו „העלפן" די סאָוועטישע אידן. הרב האָלענדער האַלט, אַז דעמאָנסטראַ־

ציעס דאַרפן ניט געמאַכט ווערן. ווען מיר זיך דאָ מיט אים ניט קריגן, מיר האַלטן אויך אַזוי. גאָר אַנדערש איז אָבער ווען עס קומט צו דער אי־דישער קולטור. הרב האַלענדער שרייבט:

„וואָס וועלן מיר האָבן אַלס פאָלק און וואָס וועלן רוסישע אידן גע־ניסן אַלס אידן אויב מען וועט שוין, לאָמיר זאָגן, נאָכגעבן אונזערע פאַר־לאַנגען, און דערלויבן די פונקציאָנירונג פון אַ אידישן טעאַטער און אי־דישע קולטור־אינסטיטוציעס אין וועלכע די ליניע וועט זיין אַ רייך־קאָמוניסטישע?...

„...די אַרבעט לטובת אידן אין רוסלאַנד דאַרף, לויט מיין באַשיי־דענער מיינונג, געפירט ווערן נאָר אין דער ריכטונג פון דער רעליגיע־זער ראַם, ווייל נאָר די דאָזיגע ראַם וועט געבן די אידן דאָרט אַ געפיל פון אידישער אידענטיטעט און ממילא אויך געבן אַ שטיקל יסוד אויף דער צוקונפט“.

אָט וואו דער הונט ליגט באַגראָבן! הרב האַלענדער׳ן גייט ניט אָן קיין אידישע קולטור, קיין טעאַטער, קיין ליטעראַטור! ער איז בלויז פאַראינטע־רעסירט אין אָנהאַלטן די אידישע רעליגיע. ער מאַכט אָבער זייער אַ גרויסן טעות, ווען ער מיינט, אַז דורך רעליגיע וועט אָנגעהאַלטן ווערן אַ אידישע אידענטיטעט. עס זיינען אונז באַקאַנט פיל אַמעריקאַנער מענטשן און מענטשן פון אַנדערע לענדער, וואָס זיינען פון „משה׳ס גלויבן“ און געהערן זיך מיט אידן קנאַפּ־וואָס אָן. פאַרקערט, מיר קענען פערזענלעך זייער אַ סך אידן, וואָס גייען קיינמאָל ניט אין קיין שול און גלויבן ניט אין גאָט און זיינען דאָך הייסע אידן. זיי קעמפן געגן נאַציזם און אַנטיסעמיטיזם, זיי פאַרנעמען זיך מיט אידישער קולטור און בויען זי און אידענטיפיצירן זיך שוין גאָר מיט אידן, זאָרגן פאַר אידישן המשך. הונדערטער טויזנטער אַמעריקאַנער אידן האָבן אַ קנאַפּע שייכות מיט רעליגיע, אָבער זיינען שטאַרק פאַראינ־טערעסירט אין סעקולערער אידישקייט. דאָס אידישע געזעלשאַפטלעכע לעבן ביי אונז אין לאַנד איז העכסט אָרגאַניזירט. עס וואַקסט די אידישע ליטע־ראַטור און וויסנשאַפט אויף דער ענגלישער שפּראַך. „פידלער אָן די רוף“, געבויט אויף שלום עליכמס „טוביה“, איז איינער פון די גרעסטע דערפאָלגן אויף בראָדוועי. עס זיינען אויך דאָ אַנדערע פּיעסן פון אידישן לעבן, גע־שריבן פון אידישע דראַמאַטורגן, אין דעם ענגלישן טעאַטער. עס זיינען דאָ פיל „בעסט סעלערס“, וואָס אידישע שרייבער האָבן געשריבן אין ענגליש אויף אידישע טעמעס.

אַזוי, אַז די וואָס זיינען ניט רעליגיעז קאָנען זייער פיין אויסקומען מיט אידישער קולטור און טאַקע בלייבן אידן. און אויך רעליגיעזע אידן דאַרפן אידישע קולטור. אויב עס זאָל פאַרשווינדן די אידישע קולטור וועט פון דער רעליגיע אויך קנאַפּ־וואָס בלייבן.

# וועגן קובאַנער עמיגראַנטן קיין אַמעריקע

יעקב גלאַטשטיין רופט זיך אָפּ אין „טאָג״ (10טן אָקטאָבער) אויף דעם אָנבאָט פון דער קובאַנער רעגירונג אַרויסצולאָזן אַלע קובאַנער, וואָס ווילן פאָרן אין אַמעריקע. ער דריקט אויס צופרידנקייט מיט דעם, וואָס די דזשאָנ־סאָן־אַדמיניסטראַציע איז גרייט אַריינצולאָזן די קובאַנער, — אָבער, זאָגט ער:

„ניט ווילנדיק רופט אַרויס אָט די זייער לויבנסווערטיקע האַנדלונג פון פּרעזידענט דזשאָנסאָן טרויעריקע מחשבות און טראַגישע פאַרגלייכן מיט די יאָרן, ווען אידן האָבן נאָך געקאָנט זיך אַרויסרייסן פון היטלער׳ס נעגל און זיי האָבן געקלאַפּט אין די טויערן פון אַמעריקע און פון אַנ־דערע לענדער. דעמאָלט האָט זיך ניט געהאַנדלט בלויז אין אַנטלויפן פון אַ שלעכטן און געפערלעכן רעזשים, נאָר אין ראַטעווען זיך פון אַ זי־כערן טויט. וואו זיינען דעמאָלט געווען די פירערס פון די מדינות, וואָס האָבן געזאָלט אויפנעמען די דאָזיגע אידישע פליטים פון טויט? ווערט די וועלט אַביסל בעסער? האָט זי עפּעס געלערנט פון די אומגליקלעכע בלוטיגע היטלער־יאָרן? אַ גרויסער ספק, צי עס איז אַזוי. גיכער — און דערפאַר זיינען די אידישע מחשבות, אין פאַרבינדונג מיט די אָפענע אָרעמס פאַר קובאַנער פליטים, אַזעלכע טרויעריקע — גיכער, דערפאַר וואָס עס האַנדלט זיך נישט איצטער אין אידן, נאָר אין קריסטלעכע פליטים. פאַר אידישע פליטים האָבן די קריסטלעכע פירערס געהאַט הערצער פון שטיין״.

מיר פאַרשטייען די טרויעריקע רעיונות (ראַיוינעס) פון יעקב גלאַט־שטיין. מיר האַלטן אָבער, אַז ער מאַכט ניט קיין ריכטיגע אויספירן פון די פאַקטן. דאָ האַנדלט זיך ניט וועגן אידן און קריסטן. דאָ האַנדלט זיך גי־כער וועגן פּאָליטישע חשבונות. לאָמיר אַ קוק טאָן אויף די פאַקטן.

די קובאַנער רעגירונג לאָזט אַרויס ניט נאָר קריסטן, נאָר אויך אידן און אונזער רעגירונג לאָזט אַריין אַלעמען, אויך אידן פון קובאַ. דאָס זעלבע איז געווען אין 1956, ווען אַ צאָל אידן זיינען צוזאַמען מיט פיל קריסטן אַנט־לאָפן פון אונגאַרן. פון דער אַנדערער זייט, ווען אַנדערע רעגירונגען האָבן אידן, וואָס זיינען אַנטלאָפן פון היטלער׳ן ניט אַריינגעלאָזן אין זייערע לענ־דער, האָט די סאָוועטישע רעגירונג געראַטעוועט הונדערטער טויזנטער פּוי־לישע אידן, ווען די נאַציס האָבן פאַרכאַפּט פוילן.

אידן — און אויך קריסטן — וואָס זיינען אַנטלאָפן פון היטלער׳ן, האָבן ניט באַגעגנט קיין אָפענע טויערן דאָ אין אַמעריקע, ווייל זייער שנאה צום פאַשיזם האָט זיי געשטעלט אונטער אַ „פאַרדאַכט״. און מיר זיינען שטאַרק חושד, אַז ווען אַנטי־פאַשיסטן — אידן און קריסטן — אַנטלויפן היינט פון אַ פאַשיסטישן רעזשים, וואָלט מען זיי ווידער ניט אַריינגעלאָזט קיין אַמעריקע.

# פאַרוואָס דערציילן זיי ניט?

אין דער וואָכן־שריפט „אידישער קעמפּער" פון 22טן אָקטאָבער דער־ציילט א. קורא ווי אַזוי דער נייער ישראל אַמבאַסאַדאָר איז אויפגענומען געוואָרן פון דעם סאָוועטישן פּרעזידענט א. מיקאָיאַן, און וואָס דער אַמבאַ־סאַדאָר און דער סאָוועטישער פּרעזידענט האָבן געזאָגט. א. קורא שרייבט:

„דער שמועס איז געווען ווייט פון אָפיציעלער שטייפקייט און דער לעבעדיגער אינטערעס פון מיקאָיאַנ'ען האָט זיך אויסגעדריקט אין סימפּאַטישע טענער צו דער אידישער מדינה. פאַר'ן שמועס מיט פּרעז־זידענט מיקאָיאַן, איז דעם ישראל־אַמבאַסאַדאָר צוגעטיילט געוואָרן דער כבוד, צו וועלכן קיין שום ישראל־דיפּלאָמאַט אין סאָוועט־רוסלאַנד האָט נאָך ביז־אַצינד נישט זוכה געווען: זיינס אַ גרויס בילד איז דערשינען אין דער אָפיציעלער צייטונג „סאָוועטסקאַיאַ ראָסיאַ"; און די זעלבע צײ־טונג האָט אויך פאַרעפנטלעכט אַן אינטערוויו מיטן ישראל־אַמבאַסאַדאָר. עס איז דאָרט אויך געדרוקט געוואָרן זיין ביאָגראַפיע און אַ שילדערונג פון זיינע פריערדיגע טעטיגקייטן. כאַראַקטעריסטיש איז דער „קאָפ" אין דער צייטונג, איבער די אַלע מאַטעריאַלן, וואָס זאָגט אַ סך: ,בכדי די באַ־ציאונגען זאָלן בעסער ווערן' ".

מיר, פון אונזער זייט, ווילן צוגעבן, אַז אויך דער ברייט־פאַרשפּרייטער סאָוועטישער זשורנאַל „ניו טאַימס", וואָס ווערט געדרוקט אין רוסיש, ענג־ליש, פראַנצויזיש, דייטש, שפּאַניש, פּויליש און טשעכיש און גייט זיך פאַ־נאַנדער אין ניינציג (90) לענדער, האָט געהאַט אַ בילד מיט אַ קורצער ביאָ־גראַפיע פון דעם ישראל אמבאַסאַדאָר כתריאל כץ, אין איר אויסגאַבע פון 6טן אָקטאָבער.

אין דעם „קענעדער אָדלער" פון 3טן אָקטאָבער שרייבט יצחק רימון פון תל אביב וועגן דעם זעלביגן ענין דאָס פאָלגנדיגע:

„אין זיינע תשובה־ווערטער אויף דער רעדע פון דעם ישראל־אַמבאַ־סאַדאָר, האָט אויסגעדריקט דער פּרעזידענט מיקאָיאַן די האָפענונג פאַר אַ פאָרשריט אין די באַציאונגען צווישן ישראל און דעם ראַטנפאַרבאַנד און ער האָט געבעטן איבערצושיקן זיינע אויפריכטיגע ברכות פאַרן פּרעז־זידענט פון דער מדינה, ה' זלמן שזר און פאַרן פאָלק ישראל. דער פּרעזי־דענט פון ראַטנפאַרבאַנד האָט אונטערגעשטראָכן, אַז ,די פּאָליטיק פון מיין לאַנד איז באַזירט אויף די לעניניסטישע פּרינציפּן פון אַ בשותפות'דיגן צוזאַמענלעבן פון שלום אין אַלע ברייטקייטן פון דער וועלט'.

„דער ישראל־אַמבאַסאַדאָר האָט אין זיין רעדע צווישן אַנדערן געזאָגט, אַז דאָס אידישע פאָלק וועט קיינמאָל נישט פאַרגעסן די טיפע פאַרשטענ־

דעניש, וואָס דער ראַטנפאַרבאַנד האָט אַרויסגעוויזן פאַר זיין געראנגל אויפצוריכטן די זעלבשטענדיגע מדינה.

„פאַר'ן ראַטנפאַרבאַנד — האָט געזאָגט דער אַמבאַסאַדאָר — איז אָפּגעהיט אַ ספּעציעלער פּלאַץ אין דער געשיכטע פון אידישן פאָלק, וואָס וועט אייביג געדענקען די רומרייכע מלחמה, וואָס עס האָבן געפירט די פעלקער פון ראַטנפאַרבאַנד געגן נאַצישן פיינט — אייער פיינט און אונזער פיינט'".

פרעגט די וועלט די אַלטע קשיא — ווי קומט דאָס, וואָס ניט אין „טאָג" און ניט אין „פאָרווערטס" איז וועגן דעם קיין איין וואָרט ניט געווען? זאָל דאָס האָבן צו טאָן מיט דעם פאַקט, וואָס די צוויי צייטונגען שרייען אויף די העכסטע טענער אַלעמאָל, אַז דער סאָוועטן־פאַרבאַנד איז אַ שונא פון ישראל? מיר זיינען גענויגט צו גלויבן, אַז די דאָזיגע געשרייען פון איין זייט און דאָס אונטערדריקן פאַקטן פון דער אַנדער זייט נעמט זיך פון איין קוואַל — פון זאָאָלאָגישער שנאה צום סאָוועטן־פאַרבאַנד. די אינטערעסן פון מדינת ישראל און פון אידישן פאָלק — מוז מען זאָגן — גייען זיי קנאַפּ אָן.

## סאָוועטן־פאַרבאַנד, ישראל, אַראַבער און אידן

ב. צ. גאָלדבערג רעדט מיט גרויס צאָרן וועגן דעם צונויפפאָרן ציוניזם מיט נאַציזם מצד אַ סאָוועטישן פאָרשטייער ביי דער יו־ען. אין אַ קאָלום, וואָס איז דערשינען אין „טאָג", דעם 22טן אָקטאָבער. איז ווען ב. צ. ג. באַנוגנט זיך מיט קריטיקירן דעם סאָוועטישן פאָרשטייער פאַר אַזאַ פאַרגלייך, וואָלט מען דאָס געקאָנט פאַרשטיין. עס איז אָבער שווער צו פאַרשטיין ב. צ. גאָלדבערג'ס פאַרגלייך פון דער באַהאַנדלונג פון אידן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד מיט דער באַהאַנדלונג פון אַראַבער אין ישראל. ער שרייבט דאָרטן:

„און ווער־ווער — איך מיין, אַז וויפיל איך זאָל ניט האָבן צו קריטיקירן געוויסע ווענדונגען אין דער באַציאונג צו די אַראַבער אין ישראל, האַלט איך, אַז ישראל קאָן זיך נאָך פאַרגלייכן אין דעם פּרט פון די אַראַבער מיט'ן סאָוועטן־פאַרבאַנד אין באַצוג צו אידן.

„די אַראַבער אין ישראל האָבן ניט קיין שום שטערונגען אין אָפּהיטן זייער גלויבן און אין אויפהאַלטן זייערע רעליגיעזע אינסטיטוציעס. קיין שום שטערונג צו האָבן אייגענע אַראַבישע שולן אין אייגענעם אַראַבישן לשון, האָבן נאָך די אַראַבער אין ישראל ניט געהאַט. פאַרקערט, די מלוכה אין ישראל האַלט אויס די אַראַבישע שולן אויפ'ן זעלבן אופן ווי די העברייאישע שולן פאַר אידן. און פון אַ קוואָטע פאַר אַראַבישע סטודענטן אין אוניווערזיטעט אַריינצוקומען, האָב איך אויך נאָך ניט געהערט".

צי עס זיינען ניטאָ קיין קוואָטעס פאַר אַראַבער אין ישראל־אוניווערזי־

טעט זיינען מיר נאָך ניט זיכער. מיר ווייסן יאָ אויף זיכער, אַז זייער ווייניג ישראל־אַראַבער קאָנען זיך דערלויבן צו באַזוכן אַן אוניווערזיטעט אין ישראל. אין דעם איז שוין זיכער דאָ אַ געוויסע קוואָטע. מיר ווייסן אָבער באַ־שטימט, אַז אין סאָוועטן־פאַרבאַנד זיינען פאַר אידן אַזוינע קוואָטעס ניטאָ. סיידן ב. צ. גאָלדבערג גלויבט טאַקע די מעשה וועגן קוואָטעס פאַר אידן, וואָס ער אַליין האָט אָנגעשריבן אין זיין בוך וועגן סאָוועטן־פאַרבאַנד.

ב. צ. גאָלדבערג רעדט וועגן די באַזונדערע אַראַבישע שולן אין זייער שפּראַך. יאָ, עס זיינען אויך דאָ באַזונדערע שולן פאַר נעגער אין די דרום־שטאַטן ביי אונז אין לאַנד. וויפיל אַראַבער באַזוכן אָבער העברייאישע שולן צוזאַמען מיט די אידישע קינדער פון ישראל? ב. צ .ג. פאַרגעסט אויך צו דערציילן, אַז אַראַבער, וואָס פאָרן פון נצרת קיין ירושלים אָדער תל אביב מוזן האָבן אַ דערלויבעניש פון דער מיליטערישער מאַכט. דאָס דאַרף אפילו האָבן אַן אַראַבישער דעפּוטאַט אין דער כנסת. מען הערט עפּעס אויך ניט וועגן אַראַבישע גענעראַלן, וויצע־פּרעמיערן, פאַרזיצערס פון קיבוצים און אַנדערע פּאָסטנס. עס זיינען אָבער יאָ דאָ אידן אויף אַזוינע פּאָזיציעס אין סאָוועטן־פאַרבאַנד. אַזוי, אַז מען מוז קומען צום אויספיר, אַז ב. צ. גאָלד־בערג׳ס גרימצאָרן איז אַ פאַלשער — מילד גערעדט.

## נאַצישע אָרגאַניזאַציעס און די מערב-דייטשע יוסטיץ

אין דעם פריער־דערמאָנטן אַרטיקל אין „אידישן קעמפער״ פון א. קורא ווערט ציטירט פון אַן אַרבעט פון דעם „אַמעריקאַנער אידישן קאָמיטעט״, וואָס איז געווען געדרוקט אין דעם ראש השנה נומער פון דער צייטונג „למרחב״ אין ישראל. א. קורא גיט איבער, אַז עס,

„ווערט דאָרט דערציילט וועגן די נעאָ־נאַצישע אָרגאַניזאַציעס, וואָס רודערן אַרום אין אייראָפּע... און דערפון ווערט טרויעריג ביז גאָר. דער באַריכט איז פול מיט ציפערן און אינפאָרמאַציע. למשל: אין מערב־דייטשלאַנד זיינען פאַראַן 119 נעאָ־נאַצישע אָרגאַניזאַציעס; אין עסטרייך — 50; אין בעלגיע 12; אין ענגלאַנד 175 (כאָטש בלויז 10 זיינען היינט אַקטיוו)... און אַזוי לאַנד נאָך לאַנד.

א. קורא באַקלאָגט זיך אויף דעם, וואָס מען דאַרף זיך דערוויסן וועגן דער אַרבעט פון אַן אַמעריקאַנער אָרגאַניזאַציע דורך אַ צייטונג אין ישראל. ווי מיר האָבן שוין פריער אָנגעוויזן, איז דאָס ניט די איינציגע זאַך, וואָס מען קאָן ניט געפינען אין „טאָג״ און אין „פאָרווערטס״. פאַרקערט, אין די צייטונגען געפינט מען אָפט זאַכן, וואָס זיינען אין ערגעץ ניטאָ און זיינען גאָר קיינמאָל ניט געשען...

אין „טאָג״ פון 20טן אָקטאָבער איז דאָ אַן עדיטאָריעל (לייט אַרטיקל) וועגן „די נייע פּראָצעסן געגן נאַצי־פאַרברעכער אין מערב־דייטשלאַנד״. רעדט זיך דאָ זייער איידל און צאַרט וועגן דער מערב־דייטשער יוסטיץ — ווי די מערב־דייטשע יוסטיץ וואָלט אַליין ניט געווען דורכגעפּרעסן מיט נאַציס און אידן־מערדער. דער עדיטאָריעל פאַרענדיגט זיך מיט די ווערטער:

„די מערב־דייטשע יוסטיץ־מאַכט שטייט איצט ווייטער פאַר דער דאָפּל־טער פּראָבע: ערשטנס, אויסצוגעפינען ביז צו דעם ניי־באַשטימטן טער־מין פון 1970 אַלע נאַצישע קריגס־פאַרברעכער, וועלכע באַהאַלטן זיך נאָך אויס, און זיי אָנקלאָגן; און צווייטנס, אַרויסטראָגן געגן די שולדיגע די שווערסטע שטראָפן, וואָס זיי דאַרפן באַקומען פאַר די בעסטיאַלישע פאַר־ברעכנס. און שוין איניגיכן דאַרף די מערב־דייטשע יוסטיץ־מאַכט געבן די באַווייזן, אַז זי וועט אויסהאַלטן די דאָזיגע זייער ערנסטע פּראָבע״.

איז קודם כל לייגן מיר פאָר, אַז דער עדיטאָריעל־שרייבער פון „טאָג״ זאָל אַ בלעטער טאָן די זייטן פון דער „מאָרגן־פרייהייט״ פון די לעצטע עטלעכע יאָר, וועט ער אויסגעפינען, אַז די מערב־דייטשע יוסטיץ דאַרף גאָר ניט זוכן. אָפט איז גענוג פאַר פיל פון די ריכטער, פּראָקוראָרן און אַדוואָקאַטן אַ קוק צו טאָן אין שפּיגל און זיי וועלן זיך טרעפן פּנים אל פּנים מיט די גרעסטע הענקער און סאַדיסטן.

צווייטנס, פאַלט דעם „טאָג״ גאָרניט איין, אַז מען טאָר זיך ניט האַלטן ביי דער שלוס־דאַטע, וואָס דער דייטשער בונדעסטאַג האָט אָנגענומען פאַ־ריגן פרילינג. לויט דער שלוס־דאַטע וועלן קיין נאַצי־פאַרברעכער מער ניט קאָנען גע׳משפט ווערן נאָך דעם ערשטן יאַנואַר 1970. מען דאַרף קעמפן פאַר דעם, אַז מערב־דייטשלאַנד זאָל אינגאַנצן אָפּשאַפן די שלוס־דאַטע. אין מזרח־דייטשלאַנד איז ניטאָ קיין שלוס־דאַטע פאַר נאַצישע פאַר־ברעכער. עס זיינען אויך ניטאָ קיין שלוס־דאַטעס אין די אַנדערע סאָציאַ־ליסטישע לענדער. עס זיינען ניטאָ קיין שלוס־דאַטעס אין עסטרייך, פראַנקרייך.

## „דעמאָנסטראַציעס פון סטודענטן און די קאָמוניסטן״

אונטער דעם קאָפּ איז דערשינען אַן אַרטיקל פון משה קרישטאַל אין „פאָרווערטס״ פון 23טן אָקטאָבער. ער שרייבט:

„דער ערשטער געדאַנק ביים לייענען די באַריכטן וועגן די סטו־דענטן דעמאָנסטראַציעס געגן דער מלחמה אין וויעטנאַם, איז געווען, אַז דאָס איז די אַרבעט פון די קאָמוניסטן. דאָס וואָס די דעמאָנסטראַנטן האָבן געפאָדערט איז דאָך אין די מערסטע פאַלן וואָס די קאָמוניסטן ווילן;

די אַמעריקאַנער יונגעלייט זאָלן זיך אָפּזאָגן צו גיין אין דער אַרמיי און אַמעריקע זאָל זיך אַרויסציען פון וויעטנאַם".

איז אמת, אַז די קאָמוניסטן זיינען געגן דער מלחמה אין וויעטנאַם און זיי פאָדערן, אַז אַמעריקע זאָל זיך אַרויסציען פון וויעטנאַם. עס איז אָבער ניט אמת, אַז זיי רופן „די אַמעריקאַנער יונגעלייט זאָלן זיך אָפּזאָגן צו גיין אין דער אַרמיי". מיר האָבן אין דער קאָמוניסטישער פּרעסע אַזאַ רוף קיינ־מאָל ניט געזען. אויף ווי ווייט עס איז אונז באַקאַנט זיינען די קאָמוניסטן אַלע מאָל געווען אויסגעהאַלטענע קעמפער געגן אימפּעריאַליסטישע מלחמות. מען דאַרף זיין אַ בלינדער אָדער אַ באַוואוסטזיניגער פאַרפירער ניט צו זען, אַז די מלחמה אין וויעטנאַם איז אַן אימפּעריאַליסטישע. דער אַמעריקאַנער אימפּעריאַליזם האָט אַריינגעשיקט אַן אַרמיי אין דרום־וויעטנאַם און קעמפט געגן דעם דאָרטיגן פאָלק.

עס איז דערפאַר קיין וואונדער ניט, וואָס קאָמוניסטן נעמען אַן אַקטיוון אַנטייל אין די דעמאָנסטראַציעס געגן דער מלחמה אין וויעטנאַם. עס איז אָבער פאַלש צו זאָגן, אַז די קאָמוניסטן זיינען די איינציגע אַנטיילנעמער אָדער די הויפּט־איניציאַטאָרן פון די דעמאָנסטראַציעס. דער פאַקט איז, אַז אין די דעמאָנסטראַציעס נעמען אַנטייל און פירן מיט זיי אַן אויך רעליגיעזע פירער, סאָציאַליסטן, פאַציפיסטן און מענטשן פון די פאַרשיידנסטע ריכטונ־גען. די אַנטי־מלחמה באַוועגונג האָט אַרומגעכאַפּט ברייטע שיכטן פון דעם אַמעריקאַנער פאָלק.

דער פּענטאַגאָן אין וואַשינגטאָן האָט לעצטנס אָנגעהויבן אָרגאַניזירן אַ באַוועגונג געגן די אַנטי־מלחמה קעמפער. דאָס האָט אָבער ניט „אָנגעריסן" אין פאָלק. די מלחמה ווערט געשטיצט פון די סאַמע פינצטערסטע עלעמענטן ביי אונז אין לאַנד. אין דעם מלחמה־געוואַלד האָבן זיך אָנגעשלאָסן אַלע אול־טראַ־רעכטע עלעמענטן, איינגעשלאָסן דעם קו קלוקס קלען. צום באַדויערן געפינט זיך אויך דער „פאָרווערטס" אין דער מחנה.

דער „פאָרווערטס"־שרייבער פאַרענדיגט אָבער זיין אַרטיקל מיט די ווערטער:

„אויף אַזאַ אופן קאָן מען זאָגן, אַז די דאָזיגע דעמאָנסטראַציעס שפּילן אַריין אין די הענט פון יענע קאָמוניסטן, ווי די כינעזער, וואָס האַלטן, וואָס מער מלחמה אַלץ בעסער פאַר זיי. עס איז אָבער כדאי אָנצואווייזן, אַז די קאָמוניסטן האָבן דאָ אַ קנאַפּע האַנט אין דעם, ווייל זיי שפּילן וואָס אַמאָל אַ קלענערע ראָלע צווישן דער יוגנט".

און אָט האָט איר אייך. די קאָמוניסטן האָבן שוין ווייניג צו טאָן מיט די דעמאָנסטראַציעס. איז אויב אַזוי און אויב די כינעזער ווילן דווקא מלחמה, וואָלט אפשר געווען אַ פּלאַן, אַז דער „פאָרווערטס" זאָל אָנהויבן שטיצן די אַנטי־מלחמה באַוועגונג?

## דער נאָבעל פּריז פאַר שאָלאָכאָוו׳ן

דער „פאָרווערטס״ איז אַפּנים ניט באַגייסטערט פון דעם, וואָס מ. שאָלאָכאָוו׳ן איז אויסגעטיילט געוואָרן דער נאָבעל־פּריז פאַר ליטעראַטור. דעם 18טן אָקטאָבער זאָגט די צייטונג אין אַן עדיטאָריעל:

„מיר, פון אונזער זייט, קאָנען בלויז זאָגן, אַז מיכאַיל שאָלאָכאָוו איז אַ העכסט טאַלאַנטירטער ראָמאַניסט, וועלכער פאַרנעמט שוין לאַנג אַ וויכטיגן אָרט אין דער ליטעראַטור פון דער וועלט. צי ער האָט פאַרדינט דעם נאָבעל־פּריז — דאָס לאָזן מיר איבער צו דער שוועדישער אַקאַדעמיע מיט וועמענס באַשלוסן מיר שטימען אַמאָל יאָ און אַמאָל ניט״.

לויט דעם טאָן פון דעם עדיטאָריעל איז צו זען, אַז דאָס מאָל שטימט דער „פאָרווערטס״ ניט איין מיט דער שוועדישער אַקאַדעמיע. דער עדיטאָריעל־שרייבער גיט אַליין צו, אַז שאָלאָכאָוו „פאַרנעמט שוין לאַנג אַ וויכטיגן אָרט אין דער ליטעראַטור פון דער וועלט״. איז טאַקע פאַרוואָס זאָל ער ניט קריגן דעם נאָבעל־פּריז? זאָל דאָס זיין דערפאַר, וואָס ער איז אַ קאָמוניסט? איז טאַקע זייער גוט, וואָס דער „פאָרווערטס״ האָט באַשלאָסן, אַז „דאָס לאָזן מיר איבער צו דער שוועדישער אַקאַדעמיע״. ווער ווייסט וועמען דער „פאָרווערטס״ וואָלט געהייסן געבן דעם נאָבעל־פּריז, ווען ער לאָזט דאָס ניט איבער צו דער שוועדישער אַקאַדעמיע...

## אַנטי־מלחמה דעמאָנסטראַציעס אין אַמעריקע

דער „פאָרווערטס״ רופט זיך אָפּ אויף זיין שטייגער אויף די גרויסע דעמאָנסטראַציעס, געגן דער מלחמה אין וויעטנאַם, וואָס זיינען דורכגעפירט געוואָרן פאַריגן סוף־וואָך ביי אונז אין לאַנד און אין אַנדערע טיילן פון דער וועלט.

דעם 19טן אָקטאָבער קאָמענטירט דער „פאָרווערטס״ אויף אַזאַ שטייגער:

„ווער איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר די באַנייטע דעמאָנסטראַציעס געגן דער מלחמה אין וויעטנאַם? די באַנייטע דעמאָנסטראַציעס ווערן געפירט פון אַ געניטער און שטאַרקער האַנט. דעמאָנסטראַציעס ווערן אָרגאַניזירט אין 20 שטעט אין איין טאָג״.

דער „פאָרווערטס״ לאָזט דעם לייענער לאַנג ניט וואונדערן זיך וועגן דעם וועמען ער מיינט מיט דער „געניטער האַנט״. באַלד אין דעם צווייטן פּאַראַגראַף אַנטפּלעקט ער דעם סוד:

„ס׳איז אויך ניט קיין צופאַל, וואָס גראַד אין דער זעלבער צייט איז אין אַלע לענדער פון אייראָפּע, וואו עס זיינען דאָ שטאַרקע קאָמוניסטישע פּאַרטייען, איז פאַרשטאַרקט געוואָרן די אַגיטאַציע געגן אַמעריקע׳ס באַטייליגונג אין דער מלחמה אין וויעטנאַם״.

אַביסל ווייטער אין דעם עדיטאָריעל זאָגט דער „פאָרווערטס״, אַז „מיר

געפינען זיך ניט אין מעקאַרטיס־צייטן". ווער עס רעדט וועגן די „מעקאַרטי־צייטן"! זאָל דער עדיטאָריעל־שרייבער אויפמישן די זייטן פון „פאָרווערטס" פון יענע פינצטערע יאָרן, וועט ער דאָרטן געפינען געגנוג מסירות אויף יחידים און אידישע קולטור־אָרגאַניזאַציעס. אייגנטלעך טוט דאָס דער „פאָרווערטס" אויך איצט אין דעם ציטירטן עדיטאָריעל מיט פאַרשרייען די דעמאָנסטראַציעס אַלס „קאָמוניסטישע".

די „ניו יאָרק טאַימס" פון דעם 19טן אָקטאָבער זאָגט זיך אַרויס עדיטאָריעל, אַז דאָס אָגולנע „אונטערדריקן די דעמאָנסטראַציעס און באַצייכענען די אַלע פירער (פון די דעמאָנסטראַציעס) אַלס קאָמוניסטישע ברעכער וועט העלפן זיי אָנטאָן אין אַ פאַנצער פון מאַרטירערטום..." הייסט דאָס שוין, אַז ניט אַלע זיינען קאָמוניסטן. און אויב, ווי דער „פאָרווערטס" האַלט, אַז די קאָמוניסטן האָבן טאַקע אָרגאַניזירט די אַלע דעמאָנסטראַציעס, ווייזט עס בלויז אַז אין דעם אַמעריקאַנער פאָלק איז דאָ זייער אַ גרויסער געגנערשאַפט צו מלחמה. ווען דאָס פאָלק וואָלט געווען איבערצייגט, אַז וואַשינגטאָן פירט אַ גערעכטע מלחמה געגן וויעטנאַם וואָלט קיינער אַזעלכע דעמאָנסטראַציעס ניט געקאָנט אָרגאַניזירן. דער אמת איז, אַז אפילו דער דעפּאַרטמענט אָוו דזשאַסטיס האַלט, אַז קאָמוניסטן האָבן אויך אָנטיילגענומען אין די דעמאָנסטראַציעס, אָבער זיינען ניט געווען די מערהייט פון די דעמאָנסטראַנטן.

דער עיקר איז אָבער ניט ווער עס האָט געהאָלפן אָרגאַניזירן די דעמאָנסטראַציעס. די הויפּט־פראַגע שטייט — צי דאַרף אַמעריקע פירן אַ מלחמה געגן דעם פאָלק פון וויעטנאַם. דער „פאָרווערטס" פעלשט די פאַקטן, ווען ער רעדט וועגן „אַמעריקע'ס באַטייליגונג אין דער מלחמה אין וויעטנאַם". אַמעריקע „באַטייליגט" זיך ניט, נאָר פירט אַ פולשטענדיגע מלחמה געגן דעם גאַנצן וויעטנאַמער פאָלק סיי אין דרום און סיי אין צפון. עס איז אויך אַ פאַקט, אַז וואַשינגטאָן האָט קיינמאָל ניט אָפן דערקלערט אַזאַ מלחמה און דער קאָנגרעס האָט קיינמאָל אַזאַ מלחמה ניט אויטאָריזירט. פאַקטיש פירט וואַשינגטאָן די מלחמה אומגעזעצלעך. אין דער קאָרייער מלחמה איז כאָטש געווען דאָס פייגנבלאַט פון דער יו־ען. עס האָט דאָן געהייסן, אַז ניט וואַשינגטאָן פירט די מלחמה אין קאָרייע, נאָר די יונאַיטעד נעישאַנס. אין וויעטנאַם איז דאָס אפילו אויך ניטאָ.

## אַהער און אַהין...

אויך דער „טאָג" רופט זיך אָפּ עדיטאָריעל דעם 19טן אָקטאָבער אויף די דעמאָנסטראַציעס פון פאַריגן סוף־וואָך. דער „טאָג" איז דאָס מאָל ניט אַזוי אָפן, ווי דער „פאָרווערטס", פלאַם־פייער פאַר דער מלחמה. ער דרייט זיך אָבער אויפן קאָרעק און וויים ניט ווי אַרויסצוקריכן פון דעם גאַנצן געוועב פון רייד. דער עדיטאָריעל־שרייבער זאָגט:

„דאָס ערגסטע דערביי איז, וואָס דער גאַנצער קאַמף אַרום דעם וויעטנאַם־קריזיס — אָדער זאָלן מיר עס אָנרופן מלחמה? — איז געלאָזט געוואָרן אין באַוועגונג אויף ניט ריכטיקע רעלסן. עס ווערט פאַרגעסן — און ניט אָן כוונה — אַז אויב מיר האָבן אין די וויעטנאַמס אַ מלחמה, אָדער קאָן פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ מלחמה, מיט אַמעריקע ווי די הויפּט־פּאַר־וויקלטע אין דער דאָזיגער מלחמה, איז עס ניט מיטן רצון פון וואַשינגטאָן".

איז לאָמיר דאָ קלאָר ווערן: איז דאָס אַ מלחמה אָדער ניט קיין מלחמה? ביי די נאָענט פון די 200 טויזנט אַמעריקאַנער וואָס געפינען זיך אין וויעט־נאַם איז דאָס אַפּנים יאָ אַ מלחמה. דאָס זעלבע איז אויך מיט די מיליאָנען וויעטנאַמער. מען שיסט, מען וואַרפט באָמבעס — ניין?

ווייטער אַביסל דערקלערט דער „טאָג", אַז די „רויטע צפון־וויעטנאַם האָט אַריינגעשטויסן אַמעריקע, געגן איר ווילן אין אַ סיטואַציע, פון וועלכער זי האָט, טראָץ אַלע באַמיאונגען, מער ניט געקאָנט צוריקטרעטן".

ווי אַזוי צפון־וויעטנאַם האָט געצוואונגען אַמעריקע שיקן אַרמייען קיין וויעטנאַם, דערקלערט דער „טאָג" ניט. און ווער עס לאָזט אַמעריקע ניט אַרויסקריכן פון דער סיטואַציע דערציילט אויך ניט דער „טאָג"־שרייבער.

דער אמת איז, אַז דאָס אַמעריקאַנער פאָלק און אויך פיל פעלקער אין אייראָפּע און אַזיע זיינען געגן דער מלחמה און האָבן שטאַרק מורא פאַר אַ נייער וועלט־מלחמה, וואָס די וויעטנאַם־מלחמה קאָן אָנצינדן. דערפאַר די גרויסע דעמאָנסטראַציעס. דאָס אַמעריקאַנער פאָלק קעמפט פאַר די צוזאָגן פאַר שלום, וואָס דזשאָנסאָן האָט געגעבן דער וועלט בשעת די וואַלן מיט אַ יאָר צוריק. ער האָט די צוזאָגן פאַרראַטן. דאָס פאָלק פאַרלאַנגט עס זאָל אָפּגעשטעלט ווערן די בלוטיגע שפּיל!

## די קלען־פאַרהערן

דער „פאָרווערטס" און דער „טאָג" רעאַגירן פאַרשיידן איבער די פאַר־הערן אין וואַשינגטאָן פון דעם קו־קלוקס־קלען. יעקב רייך שרייבט אין „פאָרווערטס" פון 24טן אָקטאָבער:

„כל זמן די (אומאַמעריקאַנער) קאָמיטע האָט זיך פאַרנומען מיט די קאָמוניסטישע אינטריגעס און שטערונגען, איז זי געווען די בעסטע און וויכטיגסטע אין די אויגן פון די קלען פּאַטריאָטן. איצט, צו זייער שטוי־נונג, האָט זיך די קאָמיטע גענומען צום קלען און האָט געשטעלט די פּאַטריאָטן־אין־קיטלען אויף דער זעלבער פּלאַטפאָרמע ווי די קאָמוניס־טישע אונטערגרעבער פון אַמעריקאַנער אינטערעסן. אומגלויבלעך!

„די אַלע עקדישן, מכשפים און ענלעכע באַשעפענישן פון דעם קלען, אַלע פון זיי הונדערט פּראָצענטיגע פּאַטריאָטן, וועלכע פּלעגן מאַכן די פינפטע־אַמענדמענט קאָמוניסטן צו שאַנד און צו שפּאָט, האָבן זיך איצט אַנטזאָגט פון ענטפערן אויף פראַגעס פון דער קאָנגרעס־קאָמיטע,

אויפן זעלבן שטייגער ווי די קאָמוניסטן און קאָמוניסטישע מיטלויפער.

„ביי דער קאָמיטע זיינען דאָ טשעקס פון דעם קלען מיט וועלכע מען האָט איינגעהאַנדלט אַ קעדילאַק אויטאָמאָביל פאַר דעם גרויסן מכשף. מען האָט באַצאָלט אַ צירונג־סטאָר, און נאָך אַזעלכע פּריוואַטע הוצאות, וואָס זיינען געדעקט געוואָרן מיט קלען־געלטער.

„האָט שלטאָן אָדער אַן אַנדערער וועגן אָנגעגעבן אַ חשבון צו דעם קלען פאַר שלעפּן געלט פאַר זייער פּריוואַטן געברויך פון דער אָרגאַניזאַציע קאַסע?"

דער אָרעמער רייך פּילט אָפּנים אַליין ניט, אַז ער אַליין טוט נאָך די קלעניקעס. ער נוצט וועגן קאָמוניסטן די שפּראַך פון קלען. אין דער זעלביגער צייט שטעלט ער די קאָמוניסטן אַוועק אויף איין ברעטל מיטן קלען. און כאָטש י. רייך דערמאָנט מיט עטלעכע ווערטער פון אָנהויב און צום סוף פון דעם אַרטיקל וועגן דעם טעראָר פון די קלעניקעס, איז דאָס אָבער ביי אים ניט דער עיקר. ער פרייט זיך זייער, וואָס די אומאַמעריקאַנער קאָמיטע אונטערזוכט די פינאַנציעלע שווינדלערייען פון קלען. און אָט דאָ ליגט דאָך טאַקע דער הונט באַגראָבן. דאָ האַנדלט זיך וועגן פיל שווערערע פאַרברעכנס, ווי שווינדלערייען. דאָ האַנדלט זיך וועגן מאָרד פון צענדליגער מענטשן. דאָ האַנדלט זיך וועגן דעם, וואָס דאָס געריכט פון אַלאַבאַמאַ באַפרייט די מערדער איינעם נאָך דעם אַנדערן. דאָ האַנדלט זיך וועגן דעם, וואָס די פּאָליציי פון מיסיסיפּי (סעלמאַ) איז אַליין באַטאַנגען מאָרדן און דער שעריף קלאַרק בושעוועט נאָך אַלץ.

וואָס איז שייך די קאָמוניסטן, האָט זיי ניט די אומאַמעריקאַנער קאָמיטע און ניט י. רייך געפונען שולדיג אין באַגיין וועלכן עס איז פאַרברעכן אויסער אין קעמפן געגן ראַסיזם, פאַשיזם, מלחמה און אין זיין קאָמוניסטן. עס איז איין זאַך זיין אַ געגנער פון קאָמוניזים — און מ׳קאָן זיין אַן ערנטלעכער געגענער אויך. עס איז אָבער אַן אַנדער זאַך איינגאַנצן אַנצונעמען דעם פּזמון (פּיזמען) פון קלעניקעס, נאַציס און דער אומאַמעריקאַנער קאָמיטע, וועגן קאָמוניסטן, ווי דאָס טוט יעקב רייך.

## אַ ריכטיגע שטעלונג

אינגאַנצן אַנדערש שטעלט די פראַגע אַוועק דר. ש. מאַרגאָשעס אין זיין ענגלישן קאָלום אין „טאָג" פון 26טן אָקטאָבער:

„עס איז דאָ אַ באַשטימטער אידישער צוגאַנג צו דער אונטערזוכונג, וואָס ווערט איצט געמאַכט פון דער ,הויז קאָמיטע פאַר אומאַמעריקאַנער אַקטיוויטעטן׳ וועגן דער שענדלעכער אַרבעט פון דעם קו־קלוקס־קלען. ווייל מיר דאַרפן געדענקען, אַז דער קלען איז ניט נאָר אַנטי־נעגער און אַנטי־קאַטויליש, נאָר איז אויך אַנטי־אידן.

„ביז איצט איז די אונטערזוכונג געווען געווענדט אויף אויפצודעקן פינאַנציעלע אומרעגלמעסיגקייטן, צו נוצן אַ מילדן אויסדרוק, אין דעם אופן, ווי אַזוי זיי באַהאַנדלען מיטגלידס־אָפּצאָל. פיל וויכטיגער זיינען אָבער די נידערטרעכטיגקייטן, וואָס דער קלען פירט דורך איבער אונזערע מיטבירגער, ווען מען די באַקיטלטע שלעכטס־טוער ווילן אָפּראַמען פון דער וועלט, ווען זיי קאָנען. צווישן די קרבנות זיינען געווען אידן. דאָס ברענען פון סינאַגאָגעס אין פיל דרום׳דיגע ישובים זיינען צוגעשריבן געוואָרן צום קלען און וואָלט גערעכטיגקייט אין די דרום׳דיגע שטאַטן געווען מער אומפּאַרטייאיש, ווי זי איז, וואָלטן די קלען־מיטגלידער שוין לאַנג אויפגעדעקט געוואָרן און געשטעמפּלט געוואָרן ווי אונטערצינדער".

ש. מאַרגאָשעס רעדט ווייטער מיט האַרץ וועגן דעם, אַז די אומאַמעריקאַנער קאָמיטע האָט זיך פאַר פיל יאָרן קאָנצענטרירט אויף אונטערזוכן קאָמוניסטן:

„די פאַשיסטן און אַלערליי עקסטרעם־רעכטע אָרגאַניזאַציעס, פון וועלכע דער קלען איז בלויז איינע, האָט מען דערווייל געלאָזט צורו. עס איז שוין די העכסטע צייט, אַז די ,קאָמיטע פאַר אומאַמעריקאַנער אַקטיוויטעטן׳ זאָל האַנדלען לויט איר נאָמען און אונטערזוכן אַלע אומאַמעריקאַנער אַקטיוויטעטן פון וועלכע די אַקטיוויטעטן פון פאַשיסטן, עקסטרעם רעכטע און פון קלען זיינען די סאַמע אַנגעזעענסטע.

„עס איז דאָ אַן אורזאַך צו גלויבן, אַז די אומאַמער׳יקאַנער קאָמיטע, וועלכע איז געצוואונגען געוואָרן פון דער עפנטלעכער מיינונג צו אונטערזוכן נייע געביטן, וועט דורכפירן אַן אויבערפלעכלעכע אַרבעט. פון דעם וואָס מיר ווייסן וועגן די מיטגלידער פון דער קאָמיטע, איז זייער אינטערעס קאָנצענטרירט אויף קאָמוניזם. ביי זיי איז קאָמוניזם און בלויז קאָמוניזם דער שונא, אין דער צייט וואָס די עקסטרעם־רעכטע גרופּעס זיינען צוזאַמענגעשטעלט פון גוטע פּאַטריאָטן, וואָס זיינען מעגלעך פאַרפירט געוואָרן".

דאָס זיינען אינגאַנצן אַנדערע דיבורים. ש. מאַרגאָשעס פאַרשטייט די געפאַר פון אַזוינע אונטערזוכונגען, ווי די אונטערזוכונג פונ׳ם קלען. ער זעט, אַז די קאָמיטע איז ניט פאַראינטערעסירט אין אונטערזוכן אומאַמעריקאַנישע טעטיגקייטן.

מיר ווילן דערביי ציען די אויפמערקזאַמקייט פון ש. מאַרגאָשעס און אַנדערע, אַז די אומאַמעריקאַנער קאָמיטע האָט זיך פאַרנומען ניט סתם מיט אונטערזוכן קאָמוניסטן, נאָר מיט טעראָריזירן אויף אַ מעקאַרטישן אופן קאָמוניסטן, סאָציאַליסטן און ליבעראַלן בכלל. עס זיינען פון איר טעראָריזירט געוואָרן פיל מענטשן בלויז פאַר זיין גוטע דעמאָקראַטן און קעמפער פאַר שלום, בלויז פאַר זיין גוטע יוניאָניסטן.

מיר האַלטן, אַז דעם קלעַן דאַרף מען ניט אונטערזוכן. זיינע מערדע־רישע טעטיקייטן שרייען צום הימל. אַלע ווייסן וועגן דעם. מען דאַרף צו זיי בלויז אָנווענדן דאָס געזעץ פון לאַנד. פון ווען אָן דאַרף מען מענטשן, געגן וועמען עס זיינען דאָ באַווייזן, אַז זיי האָבן געמאָרדעט, ערשט אונטער־זוכן דורך קאָנגרעס־קאָמיטעס? די אונטערזוכונג איז בלויז אַ מיטל, ווי צו אָפּווענדן די אויפמערקזאַמקייט פון פאָלק פון די מערדערישע טעטיקייטן פונ׳ם קלעַן.

## דער „פאָרווערטס" מוסר׳ט סענאַטאָר פולבראַיט

אין אַן עדיטאָריעל פון 2טן נאָוועמבער שרייבט דער „פאָרווערטס":

„מען קען איבערציילן אויף די פינגער די פּאָר געציילטע קאָנגרעס־לייט און סענאַטאָרן, וואָס האַלטן אַז מיר דאַרפן איצט אָפּשטעלן די באָמ־באַרדירונג פון צפון וויעטנאַם. איינער פון די סענאַטאָרן וואָס האַלט פון דער דאָזיגער שטעלונג, איז סענאַטאָר פולבראַיט, דער טשערמאַן פון דער פאָרעין רילעישאַנס קאָמיטע.

„סענאַטאָר פולבראַיט און גאַנץ אַמעריקע ווייסן, אַז פּרעזידענט דזשאָנ־סאָן איז גרייט יעדן טאָג אָפּצושטעלן די באָמבאַרדירונג פון צפון־וויעט־נאָם, אויב צפון־וויעטנאַם וועט פאַרזיכערן, אַז זי וועט אין דער זעלבער צייט אָפּשטעלן צו שיקן וואָפן און סאָלדאַטן צום ,וויעטקאָנג׳ ".

די „ניו יאָרק טאַימס" איז אַרויסגעקומען דעם ערשטן נאָוועמבער מיט אַ שטאַרקן עדיטאָריעל, וואו זי רופט אָפּצושטעלן די באָמבאַרדעס אויף צפון־וויעטנאַם, כדי מען זאָל קאָנען אָנהויבן פאַרהאַנדלונגען. אין דעם „טאַימס"־עדיטאָריעל ווערט געזאָגט:

„דאָס לאַנד קאָן ניט אָננעמען אַלס גענוגנדיקן ענטפער פּרעזידענט דזשאָנסאָנ׳ס שנעלן, כמעט אויטאָמאַטישן ,ניין׳ אויף סענאַטאָר פולבראַיט׳ס פאָרשלאָג פאַר אַ נייעם אָפּשטעל פון די באָמבאַרדעס אויף צפון־וויעט־נאַם..."

ווי עס קוקט אויס, האַלט דער „פאָרווערטס", אַז סענאַטאָר פולבראַיט און די „ניו יאָרק טאַימס" און טויזנטער פּראָפעסאָרן און צענדליגער טויזנ־טער סטודענטן און פיל טויזנטער אַנדערע אַמעריקאַנער, וואָס דעמאָנסטרירן פאַר אָפּשטעלן די מלחמה זיינען „געכאַפּט אין דער מעשה", אַז אין זיי האָט זיך אַריינגעכאַפּט אַ קאָמוניסטישער דיבוק. אַנדערש איז טאַקע פאַר׳ן „פאָר־ווערטס" שווער צו באַגרייפן, ווי אַזוי מען קאָן זיין פאַר אָפּשטעלן די באָמ־באַרדעס אויף צפון־וויעטנאַם, אָדער פאַר אָפּשטעלן די מלחמה אין וויעט־נאַם בכלל. עס איז אונז נאָר אַ חידוש, וואָס דער „פאָר־ווערטס" האָט זיך ניט אָנגעשלאָסן אין דעם באַקלי־מאַרש פאַר וואַרפן באָמבעס אויף האַנאָי, וואָס איז פאָרגעקומען אין ניו־יאָרק, שבת, דעם 30טן אָקטאָבער.

# נ אָ כ װ אָ ר ט

די בראָשור װערט אַרױסגעגעבן, כדי דער אידיש־לײענער זאָל קאָנען קריגן אַ בילד, װי אַזױ פאַרשײדענע אידישע אױסגאַבעס באַלױכטן די ברע־נענדיקסטע פראַגן פון טאָג. דער לײענער װעט, איבערלײענענדיק די בראָ־שור, קאָנען פאַר זיך אַלײן באַשטימען, װעלכע פון די צײטונגען און זשור־נאַלן האָבן דעם לאָגישסטן און געזינטסטן צוגאַנג צו די װיכטיקסטע גע־שעענישן פון אונזער צײט.

די בראָשור איז צוזאַמענגעשטעלט פון אױסצוגן און קאָמענטאַרן פון אַלע דרײ טעגלעכע אידישע צײטונגען, װאָס דערשײנען אין ניו יאָרק און אױך פון אַ צאָל אידישע פעריאָדישע אױסגאַבעס, אין אַמעריקע און אַנ־דערע לענדער.

די בראָשור באַשטײט פון אַ צאָל אַרטיקלען, װאָס זײנען דערשינען אין דער „מאָרגן פרײהײט״, אין משך פון עטלעכע חדשים. אין דער „מאָרגן־פרײהײט״ װערט געדרוקט רעגולער, יעדן דאָנערשטאָג, אַ װעכנטלעכע אי־בערזיכט אונטערן נאָמען: „אין דער אידישער פרעסע״.

לײענער װאָס װעלן, נאָכן איבערלײענען די בראָשור, האָבן װעלכע עס איז פראַגן אָדער קאָמענטאַרן, זײנען געבעטן שרײבן צו אונז. מיר װעלן זײ גערן ענטפערן פערזענלעך אָדער דורך דער „מאָרגן פרײהײט״.

**חיים סולער**

---

**פאַרװאַלטונג „מאָרגן פרײהײט״,**

**איך װיל זיך באַקענען מיט דער „מאָרגן פרײהײט״. זײט אַזױ גוט און שיקט מיר אײער צײטונג דרײ מאָנאַטן פ ר י י.**

**מײן נאָמען און אַדרעס:**

NAME ............................................

ADDRESS..........................................

CITY .................... ZONE ...... STATE ..........

## אַנדערע בראָשורן, אין אידיש און ענגליש, אַרויסגעגעבן פון דער „מאָרגן פרייהייט"

„די געפאַר פון שווייגן"
פון חיים סולער (אידיש) — — — — — — 25 סענט

„וואָס פראַיס סאַילענס?"
פון חיים סולער (ענגליש) — — — — — — 25 סענט

„אידן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד"
פון פּ. נאָוויק (אידיש) — — — — — — — 20 סענט

„דזשוז אין די סאָוויעט יוניאָן"
פון פּ. נאָוויק (ענגליש) — — — — — — 25 סענט

„די ראָל פון אידן אין די נעגער־קאַמפן"
פון פּ. נאָוויק (אידיש) — — — — — — — 15 סענט

„די אינטערנעשאָנאַל און די נאָדל־אַרבעטער"
פון אברהם יודין (אידיש) — — — — — 10 סענט

„דזשוז אין די יו. עס. עי."
פון פּ. נאָוויק (ענגליש) — — — — — — 10 סענט

ISBN:0-657-04966-2